GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 6 Issue 34
August 1924

Gerechtigkeit (Vol. 6, Iss. 34)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)

אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט פארלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאָרקערס יוניאן

Vol. VI. No. 34. | New York, Friday, August 22, 1924 | פרייטאג, 22טען | PRICE 3 CENTS

אינטערנעשאנאל שטע[…] א סאניטארי יוניאן לייבעל פאר עמב[…]ים און טרימינגס אין אונזער […]ייך

דער סאניטארי יוניאן לייבעל געהט אריין אין קראפט דעם קומענדען 2טען סעפטעמבער און וועט זיין אונטער'ן קאנטראל פון סעקרעטער בארא, און וויס-פרעזידענט לעפקאוויטש. — דער דיסטריקט קאונסיל פון די פארשידענע לאקאלס איז באזונדער טעטיג אין דער אנגעלעגענהייט.

אין א צווייטער נייעס, אונטער א באזונדער קעפעל, גיבען מיר איבער וועגען די קאנפערענצען וואס קומען פאר צווישען אונזער סוויס עמברוידערערס יוניאן לאקאל 6 און מאנופעקטשורער פון יענעם פארט עמברוידערי און לייס. עס ווערט דארט דערצעהלט, דאס אויף איין פונקט, אויף דעם פונקט פון א סאניטארי יוניאן-לייבעל, האבען ביידע צדדים זיך שוין געאייניגט, און דאס מען איז געקומען צו א פארשטענד[…]ש, אז דער לייבעל זאל אריינגעהן אין קראפט דעם סומנדען, צווייטען סעפטעמבער.

איצט אבער לאזט אונז וויסען וויס-פרעזידענט ס. לעפקאוויטש, דער מענעדזשער פון דעם דיסטריקט קאונסיל פון די פארשידענע לאקאלס אין דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע פון ניו יארק, וואס זיינען אויסער דעם דזשוינט באארד, דאס די זאך האלט שוין א סך ווייטער, דאס דער סאניטארי יוניאן לייבעל איז שוין פאקטיש איינגעשטעלט געווארען פאר אלע עמבראידערי-ארבייט, לייס-ארבייט, פאר מאקינג, העמסטיטשינג און פליטינג, און פאר די באטאנס, וואס ווערען געמאכט אין די יוניאן-שעפער וואס שטעהען אונטער'ן קאנטראל פון לאקאל 132.

אונטער דער אויפזיכט פון דעם דיסטריקט קאונסיל איז די וואך אויך אפגעהאלטען געווארען א קאנפערענץ צווישען די באנאז עמברוידערי דעם יוניאן, לאקאל 66, און די מאנופעקטשורער פון דעם פאך און אויך זיי זיינען געקומען צו אן איינפארשטענדניש אין בעצוג דעם סאניטארי יוניאן לייבעל. זיי האבען איינגעשטימט אנצונעהמען דעם סאניטארי יוניאן לייבעל און אויך אין דעם פאך זאל ער אנהויבען פונקציאנירען דעם קומענדען 2טען סעפטעמבער.

און דאס זעלבינע איז אויך פארשטאנען געווארען צווישען לאקאל 41, די העמסטיטשערס, טאקערס און פליטערס יוניאן מיט זייערע באלעבאטים, און אויך



מיט די קלאוק באטאנמאכער מאנופעקטשורער, און דער סאניטארי יוניאן-לייבעל, ווי איהר זעהט איהם דא, נעהט אריין אין קראפט דעם 2טען סעפטעמבער פאר די אלע „מיסעלייניוס טריידס", די פארשידענע טרימינג פראדוקטען פאר דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע.

אט דער לייבעל וועט זיין אונטער דער אויפזיכט און מענעדזשמענט פון אב. בארא, סעק.-טרעזשורער פון אונזער אינטערנעשאנאל, און וויס-פרעזידענט ס. לעפקאוויטש, דער מענעדזשער פון דעם דיסטריקט-קאונסיל, וואס איז צונויפגעשטעלט פון פארטרעטער פון די אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס פון די מיסעלעניוס טריידס.

אלזא, פון דעם קומענדען 2טען סעפטעמבער אן וועלען אלע ארטיקלען, וואס ווערען געמאכט אין די שעפער פון די פאכען, וואס מיר האבען פריהער דערמאנט, האבען אויף זיך דעם סאניטארי יוניאן לייבעל.

יעדער פון די לאקאלס וועט האבען

(שלוס אויף זייט 2)

קלאוקמאכער פון באסטאן דערקלערען א גענעראל סטרייק!

די קלאוקמאכער יוניאן פון באסטאן האט באשלאסען צו רופען א גענעראל סטרייק צו צווינגען די דזשאבערס און די קאנטראקטארס צו באנייען דעם אגריטמענט, אויף דעם זעלבען באזיס פון דעם סעטעלמענט אין ניו יארק, לויט די רעקאמענדאציעס פון גאווערנאר סמיטה'ס ספעציעלער קאמיסיע.

ווי עס איז שוין געווען געמעלדעט אין די „גערעכטיגקייט", האט די קלאוקמאכער יוניאן פון באסטאן גערופען די דזשאבערס אסאסיאיישאן, און אויך די קאנטראקטארס אסס'ן, צו א קאנפערענץ, צו מאכען א פארזוך צו באנייען דעם טרייד אגרימענט וואס איז אויסגעגאנגען דעם 1טען דזשולײ, 1924. די קלאוק מאנופעקטשורער פון באסטאן האבען ניט קיין אסס'ן, מיט זיי מאכט די יוניאן אינדעפענדענט אגרימענטס.

עס זיינען פארגעקומען א גאנצע רייהע פון קאנפערענצען. די יוניאן האט ארויסגעשטעלט די זעלבע פאדערונגען וואס די דזשאבערס און מאנופעקטשורער פון ניו יארק האבען אנגענומען, א חוץ די פאדערונגען פון 14 מאשינען. דאס וואלט שוין געווען צו פיל פאר באסטאן און די יוניאן האט באשלאסען עס ניט צו פאדערען. ווארום א שאפ מיט זעקס מאשינען ווערט אין באסטאן אנערקענט פאר א לעגיטימיטימ שאפ.

ביי די קאנפערענץ איז די יוניאן געווען פארטראטען דורך א קאמיטע פון דזשוינט באארד, מיט אונזערע וויס-פרעזידענטען סאל. זיידמאן און פרעד מאנעסאן אלס די ספא[…]סמען. איינינע קאנפערענצען האט אויך בייגעוואוינט

(שלוס אויף זייט 2)

יוניטי הויז אין פארעסט פארק האט אן ערפאלג רייכען סיזאן

דער פלאן וועט זיין אפען איבער ראש השנה.

די יוניטי הויז פון אונזער וועיסט און דרעסמאכער יוניאן אין פארעסט פארק, האט דאס יאהר דעם בעסטען סיזאן, וואס זי האט געהאט, זינט דער פלאץ איז געעפענט געווארען מיט 5 יאהר צוריק. דעם גאנצען סיזאן איז די יוניטי הויז אנגעפילט מיט מענשען און דער עולם אמוזירט זיך דארט אויפ'ן שענסטען און בעסטען אופן.

פאר א יאהרען איז די יוניטי הויז געווען אפען ביז נאך „לייבאר דעי". דעם זומער וועט דער סיזאן זיין אביסעל לייגנער, איבער ראש השנה, וואס דאס מיינט, דער גאנצער מאנאט סעפטעמבער. ראש השנה קומט אוים דעם יאהר מאנטאג און דינסטאג, און דאס מיינט, אז א סך פון אונזערע לייטע וועלען ניט ארבייטען שבת, זונטאג, מאנטאג און דינסטאג, דאס איז נאר א היבשער „וויק ענד" און מען קאן פיין פארברייננען. און אזא „וויק-ענד" אין דער יוניטי הויז אין פארעסט פארק מיינט נאר א סך, עס וועט ווערט זיין כל הגעלטען. אונזער עולם קאן שוין, אלזא, זיך געמען גרייטען צו פארענדיגען דעם זומער-סיזאן אין דער יוניטי. פאר יענעם „וויק-ענד" וועלען נעוויס פארבארייטעט ווערען פאסענדע קאנצערטען און אונטערהאלטונגען און די וואס וועלען דארט זיין, וועלען זיכער האבען עטלאכע גאנץ אנגענעמע טעג.

אלזא, די וואס וועלען ארויספאהרען

(שלוס אויף זייט 3)

קלאוק-ארבייטער אויפגעפאדערט ניט צו ארבייטען קיין אווערטיים

נאך אנדערע נייעס פון דער קלאוק-אינדוסטריע אין ניו יארק.

דער ביזי סיזאן ביי קלאוקס האט זיך דערוויל נאך ניט אנגעפאנגען. עס איז דא אין די שעפער בלויז אביסעל ארבייט, טיילען זיך די ארבייטער ווי ווייט מעגליך גלייך אויף גלייך.

לויט דעם נייעם אגרימענט אין טרייד, האבען א סך שעפער געמוזט פארגרעסערט ווערען, און אין יענע שעפער זיינען צוגעקומען נייע ארבייטער, וועלכע האבען פאר'ן סטרייק דארט ניט געארבייט. דיזע „נייע" ארבייטער זיינען רעדיבער בארעכטיגט צו א גלייכען טייל ארבייט, פון די ארבייט וואס אין שאפ איז דא, גלייך מיט די אלטע ארבייטער פון די אלע שעפער, וואס זיינען פארגרעסערט געווארען. און די טשערליים פון די שעפער דארפען שטרענג אכטונג געבען, אז די נייע-ארויפגעקומענע ארבייטער אין די שעפער זאלען ניט געקריוודעט ווערען, עס זאל נענען זיי אויף קיין האר ניט דיסקרימינירט ווערען.

אין דערזעלבער צייט ווערען אויפגעפאדערט די ארבייטער פון אלע קלאוק-שעפער דערווייל ניט צו ארבייטען קיין אווערטיים. אויב אין מאנכע פון די שעפער איז שוין דא גענוג ארבייט, דארף מען נאך אויך ניט ארבייטען קיין אווערטיים. אפריהער דארפען אויסגעפילט ווערען אלע ליידיגע פלעצער אין שאפ; ביי אלע מאשינען דארפען זיצען אפערייטארס, און דאסגלייכען דארפען דארט ווערען באשעפטיגט די נויטיגע צאהל פינישערס, פרעסערס און די אנדערע קרעפטס, וואס זיינען נויטיג צו מאכען א שאפ קאמפליט. די שאפ-טשערליים, און די ארבייטער גופא פון די קלאוק שעפער ווערען אויפגעפאדערט דאס אפצוהיטען. עס איז אין זייערע אייגענע אינטערעסען אז וואס מעהר קלאוקמאכער זאלען זיין אין די שעפער, עס זאל זיך ניט ארומדרעהען אין גאס א רעזערוונע ארמיי, וואס זאלען ארומגעהן קלאפען אין די טירען און פרעגען פאר ארבייט. זאלען די קלאוקמאכער דאס נעהמען אין אכט.

האט מיט זיך דאס יוניאן-בי-כעל און די ווארקינג קארד.

ווי ברודער פיינבערג, דער גענעראל-מענעדזשער פון דער קלאוק און סקוירט-מאכער יוניאן לאזט אונז וויסען, ווערט איצט געמאכט א קאנטראל איבער אלע

(שלוס אויף זייט 2)

קלאוקמאכער סטרייק אין באלטימאר כמעט געענדיגט

בלויז א פאר שעפער בלייבען נאך אין סטרייק.

דער באלטימארער דזשענעראל סטרייק פון די קלאוקמאכער האט ביי אן ענד. די בעלי-בתים, וואס האבען פריהער געהאט יוניאן-שעפער, האבען שוין ווידער געסעטעלט מיט דער יוניאן, נאכגעבענדיג אלע פאדערונגען וואס די יוניאן האט ארויסגעשטעלט. אין סטרייק וועלען נאך בלייבען בלויז א פאר שעפער, און עס מאנגט זיך ערשט אן א קאמף לגעגען די פאר בעלי בתים, מיט וועמען די יוניאן האט אלעמאל געהאט מלחמות. דאס זייבען די פאר שעפער אין וועלכע עס הערשט אן אמת'ע שקלאפעריי, וואו די ארבייטער זיינען צוגעבונדען צו זייערע בעלי-בתים מיט „סעקיוריטיס" און זיינען דארט קנעכט ווי אין די גאר אלטע צייטען.

דער יוניאן איז אפילו נעלונגען ארונטערצונעמען פון די שאר שעפער די בעסטע בעלי-מלאכות, און עס וועט ניט נעמען לאנג, דאס די פאר בעלי-בתים וועלען זיך אויך איבערצייגען, אז די צייט פון שקלאפעריי איז פאריבער.

דיזע שעפער זיינען באלאנגערט מיט פאלים און גערונגענע שלענער.

האבענדיג געסעטעלט מיט נײַנציג פראצענט פון טרייד, וועט זיך די יר

(שלוס אויף זייט 4)

אינהאלט-פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 34.

צו דער גאנצער אידישער ארבייטערשאפט אין אמעריקא

די צענטראלע אידישע שול־ארגאניזאציע אין דער פוילישער רעפובליק האט אויסגעהערט די באריכטען פון איהר שליח צו די אידישע ארבייטער אין אמעריקא ח׳ ב. מיכאלעוויטש און איז געווען צום טיעפסטען גערירט פון דער ווארימער באגעגנונג, וואס די אידישע ארבייטער־ארגאניזאציעס האבען ארויסגעוויזען צו אונזער אינסטיטוציע און גרויסער זאך — צו אונזער שול, צו די הונדערטער קינדער־אינסטיטוציעס, וועלכע מיר האבען מיט מיה געשאפען.

עס האט אונז באזונדער געפרעהט די גרינדונג פון דער ארגאניזאציע „הילף פאר די קינדער־אינסטיטוציעס אין פוילאנד", וועלכע שטעלט זיך פאר צו שטיצען די ב. ש. ב. און ראטעווען פון אונטערגאנג הונדערטער שולען, קינדער היימען, סעמינאריעס, די גימנאזיעס, אינטערנאטען און לעהרער־סעמינאריע, דאס אלץ, וואס איז געשאפען געווארען דורך דער בעסטער כוחות פון אידישען ארבייטער קלאס.

די צענטראלע אידישע שול־ארגאניזאציע באגריסט די גרינדונג פון דער הילף־ארגאניזאציע פון די אידישע ארבייטער אין אמעריקא.

מיר געפינען זיך אין פוילען אין די שווערסטע פינאנציעלע צייטען. די שטעט פון גרעסערע אידישען ארבייטער־ישוב, ווי לאדז, ביאליסטאק און אנדערע זיינען פאר־וואנדעלט געווארען אין הונגער־שטעדט. גראד געפינען מיר זיך איצט אין סאמע מיטען פון קאמף פאר די רעכט פון אונזער שול. גזרות און רעפרעסיעס הערען נישט אויף. מיר טוען דאס אלץ, כדי צו ראטעווען אונזער שול פון אונטערגאנג. ביז 50 פראצענט טראגען מיר אליין אויף אונזערע פלייצעס. דאס טוט דער אידישער ארבייטער און פאלקס־מענטש אין פוילען.

עס הענגט אבער איצט צום נאענטסטען די סכנה פון חורבן. דער חורבן פון די הונדערטער היימען פאר די 30 טויזענט ארבייטער־קינדער, וואס געווען דער גרעסטער אומגליק. דאס וואלט אויך באדייט א טויט קלאפ פאר דעם פאליטישען קאמף פאר אונזערע מענשליכע און נאציאנאלע רעכט.

מיר זיינען דעריבער פול מיט פרייד פון דער גרינדונג פון דער נייער ארגאניזאציע אין אמעריקא. מיר זיינען גע־טוסיגט פון דעם, וואס די ארגאניזאציע נעמט ארום אלע גרויסע ארבייטער קערפערשאפטען פון די אידישע ארבייטער אין אמעריקא, פון דעם, וואס אין דער שפיץ שטעהט דער גרעסטער אידישער ארדען — דער ארבייטער־רינג און מיט איהם אלע פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס פון די אידישע ארבייטער אין אמעריקא.

מיר רופען די אידישע ארבייטער־מאסען פון אמעריקא העלפען! אין דער ארבייט פון דער נייער ארגאניזאציע, איהר אונטערשטיצען און ווארעם און חבר׳יש זיך אפרופען אויף איהרע ווענדונגען. יעדער אידישער ארבייטער פון אמעריקא דארף וויסען, אז פון דער טעטיגקייט פון דער דאזיגער ארגאניזאציע איז פולשטענדיג אפהענגיג דער גורל פון דעם אלעמען, וואס עס איז געשאפען און געבויט געווארען פאר דעם גאנצען לעצטען פינסטערען צענדליג יאהר.

ליידער זיינען מיר געוואהר געוואָ־רען, אז די דאזיגע ארגאניזאציע ווערט צוזאמענגעשטעלט בלויז איהריגע ערשטע שריט. מיר זיינען געוואהר געווארען פון א אויפרוף פון ארבייטער־קינדער־קאמיטעט, און ווערכען עס זאגט זיך, אז דער דאזיגער קאמיטעט שטעהט איינזאם אין באגרינדונג און שטיצע פון די טאריישע קולטורעלע טעטיגקייט אין פוילען.

מיר דערקלערען פאר דער אידישער ארבייטערשאפט קאטעגאריש: אין גאנץ פוילען איז נישטא קיין איין עקזיסטירענדיגע ארבייטער שול, קינדערהיים, קיין איין וועלכע עס איז פאר טאריישע קינדער אינסטיטוציע, וועלכע איז נישט אנגעשלאסען און געהערט נישט צו דער אידישער שול־ארגאניזאציע, כיון עס זיין וועלכע עס איז ריכטונג, גרופירונג. די דאזיגע ארגאניזאציע איז די גאנצע צייט געשטיצט געווארען פון אמעריקא אויסשליסליך פון פיפעלס־רעליף. איצט שטערט נישט די ארגאניזאציע אין פאר־בינדונג און ווערט נישט געשטיצט פון קיין אנדערען, אויסער פון דער נייער שאפט „הילף פאר קינדער־אינסטיטוציעס אין אויסלאנד".

קיין איין און איינציגע ארבייטער־קינדער־אנשטאלט אין פוילען האט נישט באקומען און באקומט נישט פון ארבייטער הילף קאמיטעט קיין שום הילף.

מיר זיינען פעסט איבערצייגט אז צו הילף פון דער נייער ארגאניזאציע וועט זיך שטעלן דער אידישער ארבייטער קלאס פון אמעריקא, אלע חברים און פריינט, וועמען עס איז נאהענט צום הארצען אונזער גרויסע פאליטיק־זאך אונזער פאליטיש־שול — אלע, אהן אויס־נאם!

מיר ווענדען זיך צו אייך, אידישע ארבייטער פון אמעריקא! זייט ווייסען, אז דער גורל פון אונזערע הונדערטער קינדער־אינסטיטוציעס געפינט זיך אין אייערע הענט. מיר טוען דא, וואס נאר מיר קאנען.

מיר פיהרען דא א שווערען און באגייסטערטען קאמף. דער נצחון איז שוין נישט ווייט. טוט איהר אויך אייער ארבייט, טוט אייער הילף דורך דער געזעצט „הילף פאר די קינדער־אינסטיטוציעס אין אויסלאנד" און לאמיר צוזאמען דערפיהרען אונזער גרויסע און היילע זאך ביז׳ן נצחון!

אונטערשריפטען:

פאָרזיצער: ב. מיכאלעוויטש,

וויצע־פאָרזיצער: זרבבל,

סעקרעטאר: יעקב פאט.

מיטגלידער פון עקזעקוטיוו:

דר. מ. וייבערפארב, י. לעשטשינסקי, י. לעוו, דר. י. הרוח, ח. ש. קאזשדאן, ש. מענדעלסאן, ש. גיילינסקי, ג. ביחסבוים, ב. איסוראוויטש.

פרעזידיום פון דער צענטראלען פירונג קאמיטעט:

דר. קאוואַרסקי, ב. כהן, מ. שור.

פאר דער מזרח־נאציאנאלער שול־ארגאניזאציע:

אינזש. א. ריים, אריה נייטארק, ס. ליטווא, דר. א. שאפירא.

אין דער וועסט

(שלוס פון זייט ...)

א הם הייגען א רזשאבל, דארף ער שיקען אין זיין פרוי. דעם רזשאב קריגען די פרוי דארף נאראנטירען, אז דער מאן וועט נישט ווערען קיין יוניאן־מאן. אס ארבייטענדיג אבער א ווייל אין שאפ הויבט דער מאן אן צו פיהלען די צרות, פאנגט ער אן זיך צו באוועגען און רעדען וועגען דער יוניאן. לויפט דאן דער מר. גאלדמאן גלייך צו דער פרוי און צווינגט דער פרוי נישט צו דערלאזען אז דער מאן זאל עפעס טאן כדי צו פארבעסערן זיין לאגע.

אין קליוולאנד

דער אגרימענט מיט די היגע מאנו־פעקטשורערס ענדיגט זיך אין ניבען און פארהאנדלונגען וועלען זיך דארפען אנ־פאנגען צו באנייען דעם אגרימענט.

דער דזשאינט באארד וועט טאקע בקרוב ווערען ביזי צוזאמענצורייסען זיך מיט דער מעמבערשיפ וועגן דער לאגע אין טרייד און וועגן די אויסבעסערונגען וואס דארפען אריינגעבראכט ווערען.

דערווייל האט דער דזשאינט באארד אונזערע צוזאמען מיט דער מעמבערשיפ באשלאסען, אוועקצושיינען אלע פראבלעמען אן א זייט און האבען אראנזשירט א גרויסארטיגען פיקניק פאר לעצטען שבת, ביים פראכטפולען פייערס לייק, און דער עולם האט זיך טאקע אמוזירט אויך.

אין די פינסטערע אלעען

(שלוס פון זייט 7)

און באשפריצט מיט׳ן שטעקערינסטען אידעקאלאן, זיצט אויף א באנק אנטקעגען אן אויסגעפוצטען פראנט, א פאבריקמאכער, אין א שטייפען, הויכען אנגע־קראכמאלעטען קראגען, מיט שווארצינקע אין דער הויך פארבויגענע וואנסעלאך, אלא פאסאן. זי הערט אויס פון איהם זיין לעצטען ווארט; ער אנטזאגט איהר, ער קען נישט...

שנעל ווי א בליץ, כאפט זי ארויס פון איהר רידיקאל א פלעשעלע שוועבעלזויערשטאף, ס׳איז אפילו נישט צו באמערקען, ווי אזוי זי נעמט ארויס די פראבקע. דער יונגערמאן שטעהט אויף, א בלייכער און א דערשראקענער, וויל אנטלויפען און קען נישט, איז ווי צוגעשמידט צום ארט. מיט אמאל — א שטראם פון דער פליסיגקייט אין דער לופט, און א נאם דעם יונגען מאן אין פנים — און ער ליגט שוין אויף דער ערד, אויסגעצויגען אין זיין גאנצער לייגג, שרייט מיט ווילדע, משוגע־מאכענדיגע קולות. קאטשעט זיך און קארטשעט זיך, און ווארפט זיך אין קאנוואולסיווע לייד־ען... דאס אויסזעהען איז אזוי שרעקליך, אז עס ווילט זיך איינעם וואס ניכער אנטלויפען פון דעם פלאץ און אריינגעהן אין א טעאטער אריין.

אט אזוינע זאכען פלעגען פאַרקומען אין גארטען, אין די פינסטערע אלעען.

קעפ מייקער צוריק אין אמעריקאן פעדערייש׳ן אוו לייבאר

אבט-יאהריגער ברודער-שטרייט מיט הוטערס אינגאנצען געענדיגט. — פריינד באגריסט די האנדלונג פון די א. פ. אוו ל. פיהרער.

די קעפ מייקערס און מילינערי אינ־טערנעשאנאל און די יונייטעד העטערס האבען לעצטענס באקומען די לעצטע ענט־שיידונג פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער אמעריקאן פעדערייש׳ן אוו לייבאר, וועגען זייער ברודער־שטרייט איבער די מילינערי ארבייטער, און די ענטשיידונג איז אזא, וואס פארענדיגט אינגאנצען דעם ברודער־שטרייט און וואס ברענגט אריין צוריק די קעפמייקערס אין דער אמעריקאן פעדערייש׳ן אוו לייבאר.

די פארעהרונג פון די קעפ מייקערס איז אנערקענט געווארען.

די קעפ מייקערס אינטערנעשאנאל האט סאלשטענדיג געוואונען; די מילי־נערי ארבייטער פון איבער׳ן לאנד דארפען געהערען צו דער קעפ מייקער אינ־טערנעשאנאל.

שוין פאר א יאהרען איז באקאנט גע־ווארען אז דער ברודער־שטרייט צווישען די קעפ מייקערס און די יונייטעד הע־טערס איז פאראיבער. אבער עס האט זיך נאך געהאנדעלט וועגען צוויי לא־קאלס, איינער אין באסטאן און איינער אין שיקאגא, וועלכע די יונייטעד הע־טערס האבען געוואלט אז דיזע צוויי לא־קאלס זאלען בלייבען ביי זיי. די קעפ מייקער אינטערנעשאנאל האט געפיהרט, אז ווען דיזע צוויי לאקאלס זאלען בלייבען אויסער איהרע רייהען, וועט זיין אונמעגליך אנצופיהרען א ברייטען ארגא־ניזאציאנס־קאמפיין אין שיקאגא און אין באסטאן. די פארשטעהער פון ביידע ארגאניזאציעס האבען זיך דאן געאיי־ניגט, אז מען זאל עס איבערלאזען צו אן ענטשיידונג פון דעם עקזעקוטיוו קאונ־סיל פון דער אמעריקאן פעדערייש׳ן אוו לייבאר, און דער עקזעקוטיוו קאונסיל האט איצט געמעלדעט זיין ענטשיידונג, אז אויך די צוויי לאקאלס דארפען געהע־רען צו דער קעפ מייקער אינטערנעשא־נאל, ווייל צו דער קעפ מייקער אינטער־נעשאנאל געהט אריבער די גאנצע „דזשור־ריסדיקשאן" איבער די מילינערי ארביי־טער.

די מעלדונג וועגען דער אנטשיידונג פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל איז עאר־עפענטליכט געווארען פון מאקס זאריצקי, פרעזידענט פון די קעפ מייקער און מילי־נערי ארבייטער, מיט דער צושטימונג פון גרין, פרעזידענט פון די יונייטעד הע־טערס. גרין האט אין דער פראגע וואס האט א לאנגע צייט געהאלטען געשפאנט די גאנצע אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג געהאנדעלט מיט א באזונדערען גרויסמוט און מיט א סך טאלעראנץ. קוים האט זיך אנגעהויבען ווייזען א שלום צווישען די צוויי ארגאניזאציעס האט גרין געהאלטען דעם שלום פארשנעלערען. די קעפ מייקער פיהרער רעדען וועגען זיינע האנדלונגען אין דער פראגע מיט א באזונדער אכטונג.

ווען עס איז איצט פארגעקומען א „הירינג" פאר דעם עקזעקוטיוו קאונסיל איבער דער פראגע, האבען זיך אין דער „הירינג" באטייליגט מאקס זאריצקי און מאקס צוקערמאן, פרעזידענט און דזשע־נעראל סעקרעטאר פון די קעפ מייקער, און גרין און לאלא, פרעזידענט און דזשע־נעראל סעקרעטאר פון די העטערס. איצ־טער פלאנט די קעפ מייקערס ארגאניזא־ציע נאך א גרויסען ארגאניזאציאנס־קאמ־פיין צווישען די מילינערי ארבייטער.

אבט יאהר האט דער ברודער־שטרייט צווישען די קעפ מייקערס און די הע־טערס אנגעהאלטען. אין יאהר 1916 האט מען די קעפ מייקערס דערפאר סוספענ־דירט פון דער א. פ. אוו ל. שפעטער איז געקומען צו אזא מיסהעררייט, אז סטרייקס אין די קעפ רעט, מילינערי טריידס האבען דעמפען פיר לעדיטען אין די פראגע אין געווען און „אייער" ביי א־ע קאנווענשאנס פון דער א. פ. אוו ל. אין פירע אנדערע ארבייטער צוזאמענפאהרונ. אין יאהר 1919 האט זיך גאמפערס גע־נומען איינמישען פאר די קעפ מייקערס, און יאהר 1920 איז די פראגע איינגענו־מען געווארען מיט אזא ברעג, אז עס האט פאנאנדערגעטיילט די א. פ. אוו ל. אין מאנטרעאל, קענעדע, אויף הערבסט. די קעפ מייקערס זיינען אבער אנגעגאנגען מיט זייערע ארגומענטען, אז די מילינערי ארבייטער דארפען צו זיי געהערען, ביז די ארגומענטען זיינען אנערקענט געווא־רען.

יוניטי הויז אין פארעסט פארק האט אן ערפאלגרייכען סיזאן

[illegible]

אין דער יוניטי אויף „ליובאר דעי" און אויף דאס ראשנה, ווערען מאן ניט, ווען זיי ווערען זיך באלד רעדושיסטרירען. זיי ווערען דאן זיי...ייבער, אז זיי ווערען דארט דארפען פראיין. יעדעם עס קאן ווערד מענליך זיין, אז עס זאל אהין ווער־דען ארויסקומען א גרעסערער עולם ווי דער פראיז קאן אריינגעמען און די וואס ווערען קומען שפעטער ווערען מוזען זיין ריסאפאינטעט. די אבער וואס ווערען זיך באלד פארשרייבען, ווערען זיין זי־כער, אז זיי ווערען דארט האבען זיין און געניסען עטראכע ועהר אנגענעמע טעג.

דער ציל פון לאפאלעט׳ס קאמפיין איז צו עטאבלירען א דריטע פארטיי.

דזשאהן מ. נעלסאן, דזשענעראל מע־נעדזשער פון לאפאלעט׳ס קאמפיין פאר פרעזידענט, האט קלאר געמאכט אין א סטייטמענט צו די צייטונגס־פארטרעטער, אז דער היינטיגער קאמפיין פאר סענא־טאר לאפאלעט פאר פרעזידענט האט אלס ענדציל די עטאבלירונג פון א דריטער פארטיי נעגען ביידע אלטע קאפיטאלי־סטישע פארטייען.

מר. נעלסאן איז מיט דער מיינונג, אז לאפאלעט וועט קריגען א ריזיגען וואוט איבער׳ן לאנד, פון די וועסט וועט קומען אזא גרויסע צאהל שטימען, אז מען וועט איבערראשט זיין ווען עלעקשאן טאג וועט זיין אריבער.

„דער קאמפיין קען זיין א ווידערהאלונג פון דעם אייבראהאם לינקאלן קאמפיין,— האט מר. נעלסאן געזאגט. — מיר האבען איצט די באלאנס אוו פאור אין קאנג־רעס. דיזע מאכט וועט נאך גרעסער ווערען אין די קומענדע עלעקשאן, אבער ווען דער קאמפיין טוט קיין אנדער זאך ניט אויף, ווי אויסצובויען א גרויסע אר־גאניזאציע פאר דער צוקונפט איז שוין דאס א גרויסע זאך — און 4 יאהר פון איצט איז ניט אזוי לאנג צו ווארטען. אין דער צייט ווען דער לאפאלעט־וועה־לער קאמפיין איז אן אינדעפענדענט קאמפיין און וועט אזוי באצייכענט ווע־רען אין אלע סטייטס, איז עס אבער דער פלאן אנצופאנגען א נייע באוועגונג טריט ביי טריט, אנשטאט צו שפרינגען מיט איין מאס".

לויט מר. נעלסאן וועלען די בירגער זיך קירצליך קלאסיפיצירען אין צוויי גרופען, קאנסערוואטיווע און פראגרעסי־ווע, און סענאטאר לאפאלעט וועט זיין דער גרינדער פון דער נייער פראגרעסי־ווער פארטיי.

סוויס עמברוידערערס יוניאן לאקאל 6 אין קאנפערענץ מיט די באלעבאטים

אונזער סוויס עמברוידערערס יוניאן, לאקאל 6, האט לעצטע וואך גערופען די מאנופעקטשורער פון דעם פאך צו א קאנפערענץ, אויף וועלכער די יוניאן האט ארויסגעשטעלט איינינע פארערונגען, צווישען די פאדערונגען געפינט זיך קירצערע ארבייטס שטונדען און העכערע ווידזשעס און די איינשטעלונג פון א יוניאן לייבעל אויף די אלע עמברוידעריס און לייס וואס ווערען געמאכט אין די יוניאן־שעפער. אויף דעם קאנפערענץ האבען זיך באטייליגט די פארשטעהער פון די סוויס עמברוידערי מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן און א קאמיטע פון דער יוניאן.

די ספאוקסמען פון דער יוניאן זיינען געווען פרעזידענט זינגמאן און ברודער בערנייס, דער מענעדזשער פון דער סוויס עמברוידערערס יוניאן לאקאל 6. אויף דער האנפערענץ האט זיך אויך באטייליגט וויס־פרעזידענט ב. העכמאן, אלס פארטרעטער פון טריידיקאונסיל.

וועגען איין פונקט, דעם יוניאן לייבעל, האט מען זיך געאייניגט גלייך אויפ'ן ערשטען קאנפערענץ, און עס איז באשלאסען געווארען, דאס דעם קומענדען 2טען סעפטעמבער זאל דער לייבעל אריין אין קראפט. עס איז פארשטאנען געווארען, דאס דער יוניאן לייבעל זאל זיך געפינען אויף יעדע שטיקעל עמברוידערי לייס און אנדערע טרימינגס וואס ווערען געמאכט אין די שעפער וואס זיינען אונטערן קאנטראל פון דער סוויס עמברוידערי יוניאן לאקאל 6. נרייבצייטיג האבען ביידע צדדים אויפ'ן קאנפערענץ איינגעשטימט ווי אזוי דער לייבעל זאל אויסזעהן, אויפ'ן דעזיין, און מען איז באלד צוגעטראטען צו דער ארבייט, דער לייבעל זאל זיין פארטיג צו דער באשטימטער צייט.

עס איז באשלאסען געווארען, דאס דער יוניאן לייבעל זאל זיין אין די הענט פון די שאפ־טשערליים פון יענע שעפער, וועלכע זיינען די פארטרעטער פון דער יוניאן אין שאפ. די שאפ־טשערלייט פון דיזע שעפער וועלען זיין די „לייבעל־קאסטאדיענס". די אויפזעהער איבער דעם לייבעל און זיי וועלען דארפען אויפפאסען, דאס דער לייבעל זאל זיך נעפינען אויף יעדע שטיקעל עמברוידערי וואס ווערט געמאכט אין א יוניאן שאפ. אין דערזעלבער צייט וועט די יוניאן אלס א גאנצע שטריינג אויפפאסען, אז די טשערלייט פון יענע שעפער זאלען ריכטיג ערפילען זייער פליכט און באציג דעם יוניאן לייבעל.

אויף דעם קאנפערענץ צווישען דער יוניאן און די באלעבאטים איז אויך אויפגענומען געווארען די פראגע פון העכערע ווידזשעס און א קירצערע ארבייטס־צייט. אבער וועגען דעם האט מען זיך נאך ניט געאייניגט. עס איז ערוועהלט געווארען א סאב קאמיטע פון ביידע צדדים, וועלכע וועט פארזעצען די האנפערענצען, און אויסארבייטען געוויסע רעקאמענדאציעס, און די סאב־קאמיטע וועט עס פארברייננען שפעטער, ווען דער גאנצער האנפערענץ וועט זיך ווידער צונויפקומען.

אונזער אינטערנעשאנאל האט פרעזידענט זינגמאן געזאגט אין א סטייטמענט פאר דער פרעס — איז שטארק פאראינטערעסירט, אז דער יוניאן לייבעל אין דער סוויס עמברוידערי טרייד זאל זיין אן ערפאלג און מיר וועלען אנפיהרען א סיסטעמאטישען קאמפיין דעם ערפאלג צו זיכערען. מיר וועלען ארויסשיקען אן אויפפאדערונג צו אלע טשערלייט פון די קלאוק און דרעס שעפער, זיי זאלען אויפפאסען, אז די עמברוידעריס און לייס וואס ווערען געברויכט אין די שעפער, זאלען האבען אויף זיך דעם יוניאן לייבעל פון דער עמברוידערערס יוניאן. און פון די אנדערע טרימינגס. אין די אגרימענטס מיט דער פראטעקטיוו און די אמעריקאן אסס'נ'ס איז פאראן א ספעציעלער פונקט וועגען דעם, און די יוניאן, דורך די שאפ־טשערלייט, האט דאס פולע רעכט אויפצופאסען, אז דער פונקט זאל אפגעהיט ווערען.

ער האט אנגעוויזען, אז דאס גיט א מעגליכקייט פאר דעם יוניאן־לייבעל פון די פארשידענע טרימינג־טריידס און פון די באפוצונגען פאר די גארמענטס אין דער ליידיס גארמענטס אינדוסטריע, אריינצוקומען אין מארקעט און זיך צו באפעסטיגען אויף א נעהערינען אופן.

קלאוקמאכער פון באסטאן דעקלערען א גענעראל סטרייק!

(שלוס פון זייט 1)

סעקרעטאר בארא‏ף, וועלכער איז פון דער יוניאן ספעציעל ארויסגערופען געווארען. אבער פון די אלע קאנפערענצען האט זיך גאר ניט ארויסגעלאזען. סיי די דזשאבערס און סיי די קאנטראקטארס, האבען ניט געוואלט איינשטימען אנצונעמען אן אגרימענט מיט די פונקטען פון דעם ניו יארקער סעטעלמענט, און די יוניאן האט באשלאסען ארויסצוגעהן אין א אפענעם קאמף פאר די דערמאנטע פאדערונגען.

אין דער צייט ווען די שורות ווערען געשריבען, מאכט די קלאוק־מאכער יוניאן פון באסטאן די לעצטע ארגאניזאציאנס פאר דעם גענעראל סטרייק, וועלכער וועט דעקלערט ווערען דאנערשטאג, דעם 21טען אויגוסט, 10 אזייגער אין דער פריה. די קלאוק מאכער ווערען גערופען צו ווארפען די ארבייט און מארשירען אין דעם „פיין מעמאריאל האל", וואס די יוניאן האט צוגעגרייט פאר די סטרייקער.

די קלאוקמאכער פון באסטאן ווערען גערופען אין סטרייק שוין ניט דאס ערשטע מאל. אלע מאל פריהער האבען זיי פינקטליך אויסגעפאלגט דעם רוף פון זייער יוניאן, און זיינען ווי איין מאן צו דער באשטימטער מינוט ארויס פון די שעפער. מען קען, אלזא, דערווארטען, דאס אזוי וועט עס אויך זיין דאס מאל, דעם דאנערשטאג אין דערפריה.

מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם סטרייק וועלען די לעזער געפינען אויף זייט 3 פון דער צייטונג אין א ספעציעלער קארעספאנדענץ פון אונזער וויס־פרעזידענט סאל. זיירמאן.

מיר ווינשען די סטרייקער א שנעלען און א פולשטענדיגען זיג!

אט איז דער אפיציעלער סטרייק־רוף פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין באסטאן:

צו אלע קלאוק, סוט און סקירט מאכער, קאטערס, אפערייטארס, פינישערס, פרעסערס!

היינט, דאנערשטאג, 21טען אויגוסט, פונקט 10 אזייגער אין דער פריה, ווערט איהר אויפגעפאדערט אוועקצולייגען אייער ארבייטס־געצייג, און אין ארדנונג, ווי עס פאסט פאר גוטע יוניאן־לייט, פארלאזען די שעפער און מארשירען אין פעין מעמאריאל האל, וואו די סטרייקער וועלען זיך פארזאמלען.

קלאוקמאכער — שוועסטער און ברידער!

היינטיגער טאג וועט אנשרייבען א נייע שעהנע בלאט אין דער געשיכטע פון אונזער יוניאן אין באסטאן.

היינטיגער גענעראל סטרייק ווערט גערופען צו שאפען ארדנונג אויף דעם פלאץ פון דעם כאאס, וואס עקזיסטירט יעצט אין אונזער טרייד. צו פארטרייבען פון טרייד די עקספלואטאטארס און קליינע פיאווקעס, וואס רואינירען די אינדוסטריע. ארויפצולייגען אויף די דזשאבערס, קאנטראקטארס און באלעבאטים די פולע פאראנטווארטליכקייט פאר די ארבייטס־באדינגונגען און סטענדערדס אין דער אינדוסטרי.

קלאוקמאכער פון באסטאן! די דזשאבערס, קאנטראקטארלאך און מאנופעקטשורערס טשאלענדזשען יעצט אייער מאכט, און איהר אלס אלטע קעמפער, וועט זיי יעצט דארפען איבערציינען, אז מיט אייער וואוט פאר א סטרייק זייט איהר אנטשלאסען צו קעמפען איינצופיהרען אין טרייד די ארדנונג, וואס עס פאדערט זיך, און אז איהר וועט ניט ערלויבען די קאנטראקטערלאך צו צונעהמען דעם ביסען ברויט פון אייערע פרויען און קינדער; און אז איהר וועט זיך ניט אומקערען אין די שעפער ביז וואנען יעדער שאפ וואס מאכט קלאוקס וועט באשעפטיגען בלויז יוניאן־ארבייטער.

לאנג זאל לעבען אונזער קלאוקמאכער יוניאן!

לאנג זאל לעבען אונזער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענטס ווארקערס יוניאן!

אין נאמען פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע,

דזשוינט באארד קלאוק, סקירט און דרעסמאכער יוניאן פון באסטאן

ב. קורלאנד, וויס־טשערמאן. — **סאל. זיידמאן, טשערמאן.**

קלאוקמאכער אויפגעפאדערט ניט צו ארבייטען סיין אווערטיים

(שלוס פון זייט 1)

קלאוק־שעפער, מיט וועלכע די יוניאן האט געסעטעלט, אום צו זעהן, אויב אין די שעפער איז אלץ ווי עס באדארף צו זיין, אויב דארט זיינען דא די גויטיגע צאהל מאשינען און די נויטיגע צאהל ארבייטער פון די אלע פאכען.

די פארשטעהער פון דער יוניאן וואס מאכען דעם קאנטראל, וועלען אויך נאכזעהן, ווער עס זיינען די ארבייטער אין די שעפער, דאס הייסט, צי זיי האבען א יוניאן ביכעל מיט א וואָרקינג קארד, אדער ניט.

די ארבייטער יעדען טרייבער אויסגעפאדערט צו האבען ביי זיך דעם יוניאן־ביכעל מיט דער ווארקינג קארד, כדי צו פארמיידען טראבעל אי פאר זיך, אי פאר דער יוניאן. ווארים די וואס וועלען ניט האבען מיט זיך זייער יוניאן־פאספארט, וועלען אפגעסטאפט ווערען פון דער ארבייט, און זיי וועלען דורך דעם פארלירען צייט און געלט. זאל קיינער זיך ניט פארלאזען אויפ'ן תירוץ, אז ער האט „פארגעסען מיטצונעהמען דאס ביכעל". דער תירוץ וועט ניט גילטען. אלע וואס ארבייטען אין שאפ מוזען האבען ביי זיך דעם יוניאן־ביכעל און די ווארקינג קארד, און ווייזען דעם פארשטעהער פון דער יוניאן, ווען ער פרעגט פאר דעם.

רערבייאינער פאלים סטיישאן האבען געמאכט א פארזוך זיי נאכצויאגען, זיי האבען דאס אבער אויפגעגעבען ווען די מאשין מיט די גענגסטערס איז פארשוואונדען געווארען אין איינער פון די זייטיגע גאסען.

די פאלים רעכנט, אז די שלאגערס זיינען געדונגענע גענגסטערס צוגעשיקט פון די באסעס, ביי וועמען עס געהט נאך אן דער סטרייק און אז דער מענעדזשער איז געשלאגען געווארען ווייל, וואס ער האט זיך אנטזאגט דעם סטרייק צוריקצורופען.

מען זוכט ווייטער אן אומפארטייאישען טשערמאן פאר'ן קלאוק טרייד.

ביי א קאנפערענץ, וואס איז אפגעהאלטען געווארען מאנטאג פון פארטרעטער פון אונזער אינטערנעשאנאל, פארשטעהער פון אלע אסאסיאיישאנס און באלעבאטים אין קלאוק טרייד און פון דער קאמיסיע וואס דער גאווערנאר האט באשטימט פאר'ן קלאוקטרייד, איז ווידער געמאכט געווארען א פארזוך צו קריגען אן אומפארטייאישען טשערמאן פאר'ן טרייד. די פערזאנען, וועלכע די אסאסיאיישאנס האבען פארגעשלאגען, האבען די פארשטעהער פון דער יוניאן זיך אנטזאגט אנצונעהמען: אזוי האבען זיך אויך אנטזאגט אנצונעהמען די פארשטעהער פון די באלעבאטים די פערזאנען, וועלכע די יוניאן־פארטרעטער האבען פארגעשלאגען. דער רעזולטאט איז, דאס קיין אומפארטייאישער טשערמאן איז נאך אלץ ניטא. מען האט זיך דערפאר געאייניגט, אז מען זאל ווידער זיך ווענדען צו דזשאדזש שפיגעלבערג און איהם פארלאנגען אנצונעהמען דיזען אמט אין קלאוק־טרייד, כאטש דזשאדזש שפיגעלבערג האט שוין איינמאל אנטזאגט אזא אנבאט פון אלע צדדים אין טרייד.

פרעזידענט זיגמאן האט ביי דעם קאנפערענץ ווידער און ווידער באטאנט, אז אן אומפארטייאישער טשערמאן מוז וואס גיכער געקראגען ווערען. עס זיינען שוין דא געוויסע סכסוכים אין די שעפער, וואס ווארטען אויף אן אומפארטייאישען טשערמאן און האט באטאנט, דאס אלע אנשטרענגונגען מוזען געמאכט ווערען צו קריגען וואס גיכער דעם ריכטיגען מאן פאר דעם אמט.

גענגסטערס באפאלען העדקווארטערס פון קלאוקמאכער יוניאן אין הארלעם.

פינף גענגסטערס זיינען דינסטאג באפאלען אין הארלעם די העדקווארטערס פון דער דזשוינט באארד פון דער קלאוק, דרעס און ווייסטמייקערס יוניאן, 165 א. 121טע סטריט און מערדערליך צושלאגען דעם מענעדזשער פון אפיס, בר. נייטען שעכטער.

די העדקווארטערס זיינען געווען געפאקט מיט יוניאן־מיטגלידער, מענער און פרויען, ווען די גענגסטערס זיינען ערשינען. קיינעם איז אבער גאר ניט איינגעפאלען, אז די פיר מענער און איין פרוי, וואס האבען זיך באוויזען אין אפיס און זיינען צוגעגאנגען צום מענעדזשער, זיינען גענגסטערס. אהן א שום וואָרנונג איז די באנדע באפאלען שעכטער'ן און איהם צובלוטיגט און צו'הרג'עט. איידער דער עולם איז געקומען צו זיך, זיינען די גענגסטערס ארויסגעלאפען, אריינגעשפרונגען אין אן אויטאמאביל, וועלכער האט אויף זיי געווארט, און זיינען פארשוואונדען. פאליסלייט פון דער

אינטערנעשאנאל שטעלט איין א סאניטארי יוניאן לייבעל פאר עמבראידעריס און טרימינגס אין אונזער טרייד

(שלוס פון זייט 1)

א ספעציעלע לייבעל־קאמיטע. דיזע קאמיטע וועט באקומען פון אונזער אינטערנעשאנאל די לייבעלס און עס פארטיילען צו די שאפ־טשערלייט פון די באטרעפענדע שעפער. די שאפ־טשערלייט וועלען זיין די „לייבל קאסטאדיענס" פון די שעפער. זיי וועלען האבען דעם לייבעל אונטער זייער אויפזיכט און וועלען זיין פאראנטווארטליך צו דער לייבעל קאמיטע פון זייער לאקאל, און די לייבעל קאמיטע פון דעם לאקאל וועט זיין פאראנטווארטליך צו דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענטס ווארקערס יוניאן, וואס גיט ארויס דעם לייבעל און איז פאלגליך דער באלעבאס איבער איהם.

ווי שוין באמערקט, וועט דער זעלבער לייבעל זיך געפינען אויף די ארטיקלען, וואס ווערען געמאכט אין די יוניאן שעפער פון די אלע טרימינג טריידס, אבער יעדער טרייד וועט האבען אין לייבעל אן אנדער בוכשטאב, ווי א שטייגער די סוויס עמברוידערערס וועלען דעם בוכשטאב „איי", די באנאז עמברוידערערס — „בי", און אזוי ווייטער פאר די אלע בראנטשעס.

גלייכצייטיג וועט דער דיסטריקט קאונסיל אנטאנגען אן אגיטאציע פאר דעם לייבעל צווישען די קלאוק און דרעסמאכער, זיי זאלען אויפפאסען, אז די אלע עמברוידעריס, לייס, העמסטיטשינג און טאקינג, און די באטאנס וואס ווערען געברויכט אין די שעפער זאלען האבען אויף זיך דעם סאניטארי יוניאן לייבעל. אין דעם לעצטען סעטעלמענט אין דער קלאוק־אינדוסטריע איז אריינגעקומען א פונקט אין אגרימענט מיט די באלעבאטים, אז זיי זאלען געברויכען טרימינגס מיט א סאניטארי יוניאן לייבעל, און זיי דארפען עס טאן לויט דעם אגרימענט, די שאפ־טשערלייט פון די קלאוק־שעפער האבען דעריבער א רעכט צו פארלאנגען פון די פירמען זיי זאלען האנדלען אין איינקלאנג מיט דעם פונקט פון אגרימענט און אריינעהמען עמברוידעריס און טרימינגס, וואס האבען אויף זיך דעם סאניטארי יוניאן לייבעל.

ווילט איהר ווערען א סיטיזען?

מאכט ניט קיין שרים אהן דיזען ביכעל.

דער ניט־בירגער שטעלט זיך געוועהנליך פאר, אז צו ווערען א בירגער איז זעהר, זעהר שווער. ער ווייס, אז מען מוז קענען ענטפערען אויף געוויסע פראגען, שטעלט ער זיך פאר: א שווערער עקזאמען. און אזוי ווי צו שווערע זאכען כאפט מען זיך ניט, ווערט ער ניט קיין בירגער.

פאר דיזען צוועק האט די נאטוראליזיישאן אייד ליגע ארויסגעגעבען א גאנץ נייעם ביכעל, וועלכער הייסט „דער אמעריקאנער סיטיזען". אין דיזען ביכעל איז אנגעגעבען אלעס וואס מען דארף וויסען צו ארויסנעמען די ערשטע און צווייטע סיטיזען פייפערס.

אויסער דעם ענטהאלט דיזער ביכעל די פראגען, וועלכע ווערען געשטעלט אין קאורט צו די יעניגע, וועלכע געהען ארויסנעמען סיטיזען פעפירן. די פראגען זיינען איבערגעגעבען אין ענגליש, אידיש און ענגליש מיט אידישע בוכשטאבען פאר די, וועלכע קענען ניט געגוג די ענגלישע שפראך.

דער פרייז פון ביכעל איז 15 סענט. די וואס ווילען עס האבען צוגעשיקט ביי מעיל, זאלען צושיקען פאר 17 סענט סטעמפס אויף ד.ם פאלגענדען אדרעס:

NATURALIZATION AID LEAGUE
175 East Broadway, New York

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANGFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y Treas. — H. A. SCHOLMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VI, No. 34. — New York, Friday, August 22, 1924
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

גענעראל סטרייק אין דער קלאוק אינדוסטריע פון באסטאן

פון סאל. זיידמאן
(אינטערנעשאנאל וויס־פרעזידענט).

היינט, דאנערשטאג, דעם 21טען אויגוסט, 10 אזייגער אין דער פריה, ווי דאס איז באשטימט געווארען פון דער יוניאן, ווערען די קלאוקמאכער וואס מען די ארבייט אז, זועלען מארשירען אין פיין מעמאריאל האל, וואס די יוניאן האט פאר זיי צוגעגרייט.

אלע סטרייק קאמיטעס האבען אנגעהויבען פונקציאנירען און האבען ארראנזשירט די ארבייט מיטוואך אוונט, דעם 20טען אויגוסט, ווען די קאנפערענץ קאמיטע האט באריכטעט, אז נאך פילע קאנפערענצען מיט די דזשאבערס און קאנטראקטארס, האט זיך די יוניאן נישט געקענט איינינגען צו סעטלען און באנייען דעם אגרימענט מיט די באסטאנער דזשאבערס און קאנטראקטארס. דאס זיינען די צוויי אסאסיאיישאנס, וואס האבען געהאט קאלעקטיווע אגרימענטס מיט דער יוניאן. די מאנופעקטשורערס, וואס ארבייטען פאר דעם טרייד, האבען ניט קיין אסאסיאיישאן.

באלד ווי דעם גאווערנאר'ס קאמישאן האט ארויסגעגעבען איהרע רעקאמענדיישאנס אין ניו יארק, האבען מיר גערופען א קאנפערענץ מיט די דזשאבערס און קאנטראקטארס, און פארלאנגט דיזעלבע קאנדישאנס, וואס ניו יארק האט געקראגען; ווי דעם יוניאן סאניטארי לייבעל, אונעמפלאימענט אינשורענס, אונטערזוכונג פון ביכער, אז ארבייט זאל געמאכט ווערען בלויז אין יוניאן שעפער, אז דער דזשאבער זאל זיין פאראנטווארטליך פאר די ווייזשעס פון די ארבייטער; א שטראף פאר ניט אפהיטען דעם אגרימענט און אז וו. און מיר זיינען, נאך לאנגע קאנפערענצען, דורכגעקומען מיט אלע פאדערונגען מיט די דזשאבערס.

פון די קאנטראקטארס האבען מיר פארלאנגט, אז א שאפ זאל באשטעהן פון נישט ווייניגער ווי זעקס אפערייטארס, און אז קיינער פון די קאנטראקטארס זאל אליין נישט ארבייטען; ווייל ביז יעצט האבען מיר דא געהאט שאפס פון איינעם און צוויי. מיט דריי אפערייטארס איז שוין געווען א גרויסער שאפ, און אזוי ווי יעדע שאפ האט צוויי פארטנערס און מאנכע נאך מעהר, האבען אלע געארבייט, ווער ביים מאשין און ווער אלס קאטער — ביים שניידען די ארבייט. די לאגע איז געווען א זעהר אומערטרעגליכע, ווייל די אלע קאנטראקטארלאך זיינען אליין געוועזענע אפערייטארס, קאטערס, פרעסערס און אז וו. עס פלעגט זיצען איין אפערייטאר ביים מאשין מיט צוויי פאראזיטען באסלאך, איז אין סיזאן האט זיך דער איינער אדער די צוויי ארבייטער געמוזט ארויסיאגען פון זיך די נשמה צו קריגען א פאר וואכען ווייזשעס; און אין דער סלעק־צייט פלעגען די באסלאך צונעמען די גאנצע ארבייט פאר זיך. אויסער דעם האט די יוניאן נישט געקענט קאנטראלירען די שאפקעס און וויסען צי מען ארבייט פון שטיק אדער פון וואך.

אין פילע פעלע האבען די ארבייטער געמוזט ארבייטען פון שטיק, און ווי איז דאס מעגליך צו קאנטראלירען א שאפ ווען עס ארבייטען דארט צוויי בעל הבתים און איין ארבייטער?

אלזא, די לאגע איז דא געווען א זעהר שלעכטע פאר די לעצטע פאר יאהר, און אמייסטען האבען געליטען פון דעם די אפערייטארס און די קאטערס, און די יוניאן אין אלגעמיין.

דער טרייד איז דא נישט קיין גרויסער. איינגאנצען א טויזענט קלאוקמאכער. און פון טויזענט קלאוק מאכער, ווען הונדערטע באסעס ארבייטען אליין ביינאכט און ביינאכט, האט דאס א גרויסע דעמאראליזירענדע ווירקונג אויף דעם גאנצען טרייד. דערפאר האט די יוניאן געמוזט נעמען דיזע שטעלונג, נישט צו ערלויבען אט דיזע פאראזיטען ווייטער אזוי אננעהן מיט דער ארבייט. דער רעזולטאט איז געווען, דאס נאך פילע קאנפערענצען האבען מיר ניט געקענט אנדערש טאן, ווי באשליסען צו רופען א גענעראל סטרייק. ביי א גרויסען מאס־מיטינג, דעם 14טען אויגוסט, וואו אלע קלאוק מאכער זיינען געווען אנוועזענד, איז איינשטימיג באשלאסען געווארען צו געבען פולע מאכט דעם באארד אוו דירעקטארס און דער קאמיטע פון דער אינטערנעשאנאל צו ערקלערען א סטרייק אין דער גאנצער אינדוסטריע.

דער סטרייק וועט זיין געצילט הויפטזעכליך נעגען די דזשאבערס און קאנטראקטארס, ווייל מיר רעכענען, אז די וואס ארבייטען דירעקט פאר דעם טרייד אלס מאנופעקטשורער, וועלען סעטלען מיט דער יוניאן און נאכגעבען אלע פארערונגען.

עס איז ווערט אויפמערקזאם צו מאכען די קלאוקמאכער יוניאן אין ניו יארק, אז פילע פון די באסטאנער דזשאבערס קויפען ארבייט אין ניו יארק, און פילע מאכען ארבייט אין ניו יארקער שעפער, און עס דארף זיין די פליכט פון דער ניו יארקער יוניאן צו זעהן, אז אין צייט פון סטרייק זאל קיין ארבייט ניט געמאכט אדער פארקויפט ווערען צו די באסטאנער דזשאבערס.

די קלאוקמאכער פון באסטאן זיינען געווען אויסער ארבייט פאר די לעצטע 16 וואכען, און ביז יעצט איז נאך קיין ארבייט נישט געווען. מען רעכנט אבער, אז יעצט דארף זיך שוין אנפאנגען ארבייט. די ארבייטער זיינען צופרידען צו אפפערען מיט אלעס אום אפצושאפען די איבלען פון סוועט שאפ סיסטעם אין דער היגער אינדוסטריע.

די קלאוק מאכער האבען זיך אויך פארפליכטעט, אז אלע די ארבייטער וואס וועלען זיך אומקערען צו דער ארבייט אין געכעטעלטע שעפער, זאלען באלד פון דער ערשטער וואך ווייזשעס צאהלען אן אסעסמענט. וויפיל די סטרייק קאמיטע וועט באשטימען, צו העלפען די וואס וועלען סטרייקען.

עס זיינען אויך דא א צאהל נישט־יוניאן שאפקעס אין און ארום באסטאן, וואס זיינען ביז יעצט נישט געווען קיין יוניאן שעפער, און מיר וועלען איצטער מאכען אן אנשטרענגונג זיי צו ארגאניזירען.

פאלגענדע קאמיטעס און טשערלייט פאר די פארשיידענע קאמיטעס זיינען ערוויילט געווארען:

טשערמאן פון דזשענעראל סטרייק קאמיטע וויים־פרעז. סאל. זיידמאן; ב. קורלאנד, לאק. 73, ווייס־טשערמאן; פיקעט קאמיטע: מייער פריינק, טשערמאן; טאכמאן, לאק 12, ווייס־טשערמאן. ארגאניזיישאן קאמיטע: נחום גינזבורג, לאקאל 56, טשערמאן, פינאנס קאמיטע: שניידער, לאקאל 39, טשערמאן; ווינער, לאקאל 56, סעקרעטער; ראיטער, לאקאל 12, ווייס־טשערמאן. סעטלמענט קאמיטע: א. צאריקער, טשערמאן, און צו איינעם פון יעדען לאקאל. פרעס קאמיטע: סאל. זיידמאן, טשערמאן. לאא קאמיטע און אוט אזוי טאון קאמיטע: וויים־פרעזידענט פיער מאניקאן, טשערמאן, האל קאמיטע: וועבער, לאקאל 12.

ווי איהר איהר זעהט, האבען מיר די גאנצע מאשינערי ביי דער ארבייט, און מיר זיינען איבערצייגט, אז די קלאוק מאכער וועלען קעמפען ווי אמת'ע גוטע יוניאן לייט און צייגען די בעל הבתים, אז זיי מיינען ביזנעס, אז זיי וועלען קעמפען ביז צו א זיגרייכער ענדע.

באלד קומט מען שוין אהיים.

בלויז א טאג צוויי איז פארבליבען ביז לייבאר דעי, ווען אלע קעהרען זיך אום פון וואקיישאן. לייבאר דעי פארמאכען זיך אויך ביידע זומער פלעצער אין בינג אינדיען און אין בעלפאסט, וואס ווערען אויסגעהאלטען פון דער דזשואיש וואירקינג גוירלס וואקיישאן סאסייטי, און וואו אידישע מיידלאך קריגען א גרויס ארטיגע וואקיישאן פאר סך הכל 8.00 דאלאר א וואך, לאזשי, עסען און אונטערהאלטונג אריינגערעכענט. די צוויי הייזער זיינען נאך קיינמאל ניט אזוי פול געווען מיט גליקליכע געסט, ווי היינטיגס יאהר, אבער עס זיינען נאך דא א פאר פרייע פלעצער, אויף וועלכע די, וואס ווילען פאהרען צום ברעג ים אדער אין די בערג מוזען זיך באלד פארשרייבען אין עריוקיישאנאל עלייענס, איסט בראדוויי און דזשעפערסאן סטריט, דינסטאג אדער דאנערשטאג אווענט, פון 5.30 ביז 7.

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

אַ קורס איבער די טאַקטיקס און פאַליסיס פון טרייד יוניאניזם

(געהאלטען אין די אינטערנעישאנאל קלאסען אין סיזאן פון 1922—1923)

פון דייוויד י. סאפאס. — אידיש פון ל. פינקעלשטיין.

לעסאן 4.

פאליטישע פארזוכען צו ענדערען דעם איצטיגען סיסטעם.

I. 1. קיין ווירקזאמע סאציאלע באוועגונג, וואס פונקציאנירט אין א געזעלשאפט וואס ווערט רעגירט דורך פאליטישע אינסטיטוציעס, קאן ניט איגנארירען פאליטיק.

2. דעריבער איז די ארבייטער באוועגונג אין אמעריקע, פון איהרע ערשטע טעג אן, שטארק פאראינטערעסירט געווען אין פאליטיק.

3. נאך אין יאהר 1827, גלייך ווי די ארגאניזירטע ארבייטער-באוועגונג איז ענטשטאנען דא אין לאנד פאר עקאנאמישע אקציאן פאר טרייד-יוניאן טעטיגקייט, האט זי זיך באלד אויך אריינגעווארפען אין דער פאליטיק.

II. 1. פון יעמאלט אן, האט די ארבייטער באוועגונג זיך געפונען צווישען פאליטישער און עקאנאמישער אקציאן.

2. דורך די גוטע צייטען פון „פראספעריטי" פלעגען די ארבייטער זיך ארגאניזירען אין יוניאנס, כדי צו באשיצען די ארבייטס-סטאנדארדס, און זאגאר פארבעסערען די ארבייטס-באדינגונגען.

3. מיט'ן אנקומען פון די שלעכטע צייט און ארבייטסלאזיגקייט, האבען די ארבייטער טיילווייז פארלאזען די יוניאנס און זיך גענומען פאר פאליטישע אקציאן.

4. די טענדענץ איז געווארען בראנגיש ביז אין די ניינציגער יאהרען. עס איז געווען א רעזולטאט פון דער אומזיכערקייט פון די עקאנאמישע צושטענדען אין לאנד.

III. 1. די פאליטישע פאדערונגען פון די ארבייטער, אין אנפאנג פון דער געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג, איז באשטאנען:

א. אין געזעצען וואס זאלען באשיצען די ארבייטס-אינטערעסען;

ב. אין געזעצען, וואס מאכען מעגליך פאר ארבייטער צו ווערען אייגענטימער פון לאנד און קליינע באלעבאטים.

2. יענע פאליטישע באוועגונגען זיינען געווען באזירט אויף דער פילאזאפיע פון דעם מיטעל-קלאס; אויף דער הארמאניע צווישען קאפיטאל און ארבייט, צו באשאפען א געזעלשאפט פון קליינע מאנופעקטשורערס, סוחרים און פארמער.

3. אלס א רעזולטאט פון יענע פאליטישע מאניפעסטאציעס, האבען מיר דעם איצטיגען פאבליק-סקול סיסטעם, מאנכע פעקטארי-געזעצען, פארם-געזעצען, געזעצען וואס פארוועהרען אריינצוזעצען אין געפענגניש מענשען פאר חובות און אז. וו.

IV. 1. אין אנפאנג פון די זעכציגער יאהרען האבען די ארבייטער, וואס האבען איינגעוואנדערט פון דייטשלאנד, אריבערגעבראכט אהער דעם קלאסען-באוואוסטען סאציאליזם.

2. זיי האבען ארגאניזירט זייערע אייגענע יוניאנס און פאליטישע ארגאניזאציעס, באזירט אויף דער סאציאליסטישער פילאזאפיע.

3. אין דערזעלבער צייט האבען זיי אנגעפאנגען אגיטירען זייערע אייגענע אידעען צווישען די אמעריקאנישע ארבייטער. אבער די אמעריקאנישע ארבייטער האבען ניט געוואלט אויפגעבען זייער מיטעל-קלאס פילאזאפיע.

4. יעדער עלעמענט איז זיך פארבליבען ביי זיינע אייגענע פאליטישע אנשויאונגען, די פארזוכען פאר א פאראייניגונג האט זיך ניט איינגעגעבען.

V. 1. דאס וואס די פאליטישע אקציאן האט זיך די יוניאס ניט איינגעגעבען, האט זיך אנטוויקעלט אין דער ארבייטער-באוועגונג אן עלעמענט, וואס איז געווארען געגנעריש צו דער פאליטישער אקציאן.

2. גאמפערס, און די אנדערע פיהרער פון דער אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר זיינען געווארען די פאנען-טרעגער פון אט דער לעהרע און טאקטיק.

3. די סאציאליסטען, פון דער אנדער זייט, האבען זיך פארגומען דוקא צו מאכען די אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר זיך באטייליגען אין אומאפהענגיגער פאליטישער אקציאן.

4. אין יאהר 1886 האבען די סאציאליסטען, מיט דער הילף פון דעם ניט-סאציאליסטישען עלעמענט אין דער ארבייטער-באוועגונג וואס איז אויך געשטאנען פאר פאליטישער אקציאן, באוויזען ארויסצוקריגען פון דער א. פ. אוו ל. אן „איינדארסמענט" פאר די פארשיידענע אומאפהענגיגע פאליטישע באוועגונגען. אבער אין 1889 האט די פעדערייישאן פארווארפען א רעזאלוציע, צו פארמירען א אומאפהענגיגע פאליטישע פארטיי.

5. צווישען די סאציאליסטען און גאמפערס'ען האט זיך אנגעהויבען א ביטערער קאמף. אין 1894 איז די סאציאליסטען געלונגען דורכצופיהרען אין דער פעדערייישאן א פאליטישע פלאטפארם מיט א רעזאלוציע פאר אן אומאפהענגיגער פאליטישער פארטיי, כאטש גאמפערס איז געווען נעגען דעם.

6. דעם נעקסטען יאהר האט גאמפערס, מיט די פיהרער פון די אינטערנעשאנאל יוניאנס איבערגעדרעהט די גאנצע זאך. מאנכע פון די פראמינענטע סאציאליסטען, אנגעפיהרט פון דעניעל דע-ליאן האבען פארלאזען די אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר און זיך גענומען ארגאניזירען אומאפהענגיגע יוניאנס, וואס זאלען שטעהן פאר סאציאליזם און פאר אן אומאפהענגיגער סאציאליסטישער ארבייטער פארטיי. די פאזיציע פון די סאציאליסטען וואס זיינען פארבליבען אין דער פעדערייישאן זיינען דורך דער האנדלונג א סך אפגעשוואכט געווארען.

VI. 1. די אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר האט דאן אנגענומען א פראגראם פון „לאבי-פאליטיק".

2. ניט האבענדיג קיין ערפאלג דורך דער פראצעדור, האט די פעדערייישאן, אין יאהר 1904, אנגענומען די פאליסי פון „באלוינען די פריינד און באשטראפען די שונאים". זי האט זיך גענומען איינדארסירען קאנדידאטען וואס האבען געזאגט, אז זיי זיינען פריינדליך צו די ארבייטער, אי פון דער רעפובליקאנער, אי פון דער דעמאקראטישער פארטיי און האט אויך ערמוטיגט יוניאן-לייט צו לויפען פאר אן אמט אויפ'ן טיקעט פון יענע פארטייען.

3. אלס רעזולטאט פון אט דער נייער פאליסי איז גאמפערס מיט א קאמיטע ערשינען פאר דער פלאטפארם קאמיטע פון דער רעפובליקאנישער קאנווענשאן, און ווען מען האט זיי דארט ניט נאר ווארים אויפגענומען, זיינען זיי אוועק צו דער קאנווענשאן פון דער דעמאקראטישער פארטיי, וועלכע האט יע אנגענומען אייניגע פונקטען וואס זיינען גינסטיג פאר די ארבייטער.

4. פון דעמאלט אן האט די א. פ. אוו ל. אינדארסירט דעם נאציאנאלען טיקעט פון דער דעמאקראטישער פארטיי, אין דערזעלבער צייט האט זי אויך אינדארסירט אי רעפובליקאנער, אי דעמאקראטען, וועלכע זיינען געלאפען פאר געוויסע פעדעראלע און סטייט אמטען.

VII. 1. דער סאציאליסטישער עלעמענט, וואס איז געווען געגען דאס פארלאזען די אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר האט אין יאהר 1901 ארגאניזירט די סאציאליסטישע פארטיי.

2. זייער פרינציפ איז געווען ניט זיך צו פארטשעפען מיט די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון די טרייד יוניאנס. אין דערזעלבער צייט אבער צו אגיטירען פאר'ן סאציאליזם, אום אריבערצוקריגען די יוניאנס אויף זייער זייט.

3. ביז צו דער מלחמה האבען זיי ניט שלעכט אויסגעמאכט. מיט'ן אנקומען פון דער מלחמה, אבער, האבען די סאציאליסטען אין ראדיקאלען זיך צוטיילט אין פראקציעס, און זיינען צופיל פארנומען געווען זיך ארומצוטרייסענדיג צווישען זיך, אום צו קאנען אנגעהן מגט זייער פראפאגאנדע אין די יוניאנס.

4. פון דער צווייטער זייט, האט די פאליסי פון פאליטישער, אומפארטייאישקייט פון דער פעדערייישאן אריינגעבראכט צווישען די ארבייטער א פארשידענהייט פון פאליטישע מיינונגען און האט געפיהרט צו דעם, דאס אויפ'ן פאליטישען געביט זאלען זיי ניט זיין אייניג, פונקט ווי זיינען עס אויפ'ן עקאנאמישען געביט.

5. דאס האט געבראכט כאאס און צעמישונג אויף דעם פאליטישען געביט אין דער ארבייטער-באוועגונג פון אמעריקא.

באמערקונג: מעהר וועגען דעם אין די פאלגענדע ווערק:

ROBERT HUNTER—Labor in Politics; The Socialist Party, 1915.
HELEN MAROT—American Labor Unions; Chapter „XLX„ Labor in Politics—Holt, 1914; History of Trade Unionism in the United States, Macmillan, 1922.
MORRIS HILLQUIT—History of Socialism in the United States; Chapter IV., Present Day Socialism.
COMMONS AND ASSOCIATES, History of Labor in the United States; Vol. I., Part II., Chapter II., Rise and Growth in Philadelphia; Chapter III., Workingmen's Parties in N. Y.; Chapter IV., Spread of the Movement; Chapter V., New England Association of Farmers, Mechanics and other workingmen, Vol. II., Part VI. Chapter II., Revolutionary Beginnings; Chapter IV., The Greenback Labor Agitation; Chapter VI., From Socialism 1876-1880, Anarchism and Syndicalism 1876-1880; Chapter XII., The Political Upheaval, 1886-1887; pp. 506-520 The Latest Attempts Towards a Labor Party.

דער עקסקורשאן פון סטודענטען קאונסיל דעם 7טען סעפטעמבער

דער יעהרליכער עקסקורשאן פון דעם סטודענטען קאונסיל פון די יוניטי סענטערס און פון ארבייטער אוניווערזיטעט, וועט פארקומען זונטאג, דעם 7טען סעפטעמבער. אויך דאס מאל וועט מען אויספאהרען מיט א פריוואט יאכט-שיף, וואס האט פלאץ בלויז פאר 100 פערזאן, און די וואס וועלען זיך פריהער אפרופען, יענע וועלען באקומען די טיקעטס. א טיקעט קאסט $1.50.

די טיקעטס זיינען צו באקומען אין אפיס פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט, ניו יארק.

די עקסקורשעניסטס וועלען פארברענגען דעם טאג אויפ'ן שעהנסטען און בעסטען אופן, מיט טאנצען, זינגען, „הייקען", זיך באדען, און נאך אנדערע געזעלשאפטליכע אונטערהאלטונגען.

די וואס וועלען אויספאהרען דארפען מיטנעמען עסען פאר'ן גאנצען טאג. די וואס ווילען זיך באדען דארפען אויך מיטנעמען ביידינג סוטס.

דער קלאוקמאכער סטרייק אין באלטימאר כמעט געענדיגט

(שלוס פון זייט 1.)

ניאן איצט קאנען אפגעבען מעהרער מיט די פאר שעפער. די ארבייטער פון די געסעטעלטע שעפער האבען באשלאסען צו צאהלען צעהן פראצענט פון זייערע וויידזשעס פאר די סטרייקער, און אויך צו פיקעטען די שעפער, וועלכע בלייבען נאך אין סטרייק.

ווי ברודער ס. פאלאקאוו, דער פיהרער פון דעם סטרייק אין באלטימאר, לאזט אונז וויסען, קאן דער אויסגאנג פון דעם סטרייק באטראכט ווערען אלס א באדייטענדער אויפטו פאר דער ארגאניזאציע פון די באלטימאר קלאוקמאכער.

מען דארף ניט פארגעסען, דאס די קלאוקמאכער יוניאן פון באלטימאר, לאקאל 4, איז די לעצטע צייט געווען א סך אפגעשוואכט, און די יוניאן איז ניט געווען בכח צו קאנטראלירען די ארבייטס-באדינגונגען אין די שעפער. אפילו די באלעבאטים, וואס האבען געהאט אן אגרימענט מיט דער יוניאן, האבען אויך געזוכט דעם אגרימענט ניט צו האלטען, און די יוניאן-לייט האבען זיך גאניץ ווייניג געשטעלט נעגען דעם. זיי האבען זיך ניט געווערט און געלאזען טאן די באלעבאטים וואס יענע האבען געוואלט.

מיט'ן אנקומען פון ברודער פאלאקאוו אין באלטימאר אלס פארטרעטער פון אונזער אינטערנעישאנאל, האט זיך באדייטענד געענדערט די לאגע. ער האט אנגעפאנגען א לעבעדיגען ארגאניזאציאנס-קאמפיין, וועלכען ער האט געפיהרט מיט דער הילף און מיטווירקונג פון וויים-פרעזידענט רזש. האלפערין, דער מענעדזשער פון דער אינטערנעישאנאל איסטערן ארגאניזאציאנס-דעפארטמענט, און אזוי נאך זיינען די קלאוקמאכער פון באלטימאר פארנעברייטעט געווארען פאר דעם איצטיגען סטרייק. און ווען דער רעארגאניזיישאן קלאוק סטרייק האט אויסגעבראכען אין ניו יארק, האבען די קלאוקמאכער פון באלטימאר זיך געריסען צו טאן דאס זעלבינע.

מיט דעם איצטיגען סעטלמענט פון דעם סטרייק, האט זיך די קלאוקמאכער יוניאן פון באלטימאר געמאכט א גרויסען שריט פאראויס. דער סעטלמענט איז געמאכט געווארען אויפ'ן זעלבען באזיס ווי אין ניו יארק, און אונטער דעם אגרימענט וועט די קלאוקמאכער יוניאן צום ערשטען מאל האבען די געלעגענהייט צו האבען א ריכטיגען קאנטראל איבער די שעפער פון די קאנטראקטארס.

דאסגלייכען האבען די דזשאבערס דארט געמוזט נעמען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט וואס זיי דארפען טראגען, לויט דעם סעטלמענט פון ניו יארק.

לויט דעם נייעם אגרימענט ווערט דארט אויך איינגעשטעלט דער ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד, און מיט דער צייט וועט דארט אויך איינגעפיהרט ווערען דער סאניטארי לייבעל.

נאטירליך, איצטער ווענדט זיך עס אן די קלאוקמאכער פון באלטימאר: זיי דארפען זעהן, דאס דער נייער אגרימענט זאל ריכטיג אפגעהיט ווערען, און עס איז צו האפען, דאס זיי וועלען עס טאן. זיי האבען זיך שוין גענוג אנגעליטען דערפאר וואס זיי האבען פריהער פארנאכלעסיגט זייערע יוניאן פליכטען, וואס זיי האבען געלאזען די יוניאן אפגעשוואכט צו ווערען און נעגעבען א געלעגענהייט די באלעבאטים צו טאן וואס זיי האבען געוואלט, זיך נארניט רעכענענדיג מיט די ארבייטער. עס איז צו האפען, דאס די קלאוקמאכער וועלען איצטער בלייבען טרייע און איבערגעגעבענע יוניאן-לייט, און דאס זייער ארגאניזאציע וועט מיט דער צייט נאך געשטארקט ווערען. עס ווילט זיך האפען, דאס באלטימאר וועט פון איצט אן ווערען אן ארגאניזירטער קלאוק-צענטער, וואו די יוניאן-סטענדארדס אין די שעפער וועלען אפגעהיט ווערען, וואו די יוניאן ארבייטס-באדינגונגען וועלען אויסגעהאלטען ווערען.

דער אפגרונט

(סקיצע)

פון תדיש

ביידע יונגע פארמער סעם און דושיק זיינען געווען גוטע שכנים, צוזאמען אויסגעוואקסען און הריינעם טאג און נאכט שווער געארבייט פאר זייער שטיקעל ברויט ביי פרעמדע, ווייל זייערע עלטערן זיינען געווען ארים און האבען געהאט ווייניג ערד און קיה און עזפות.

אין פריהלינג ביים אקערן און זעען און אין מיטען זומער ביים שניידען די הויכע גראזען און צוזאמענקלייבען די היי אין שייער פלעגען זיי ארויסהעלפען איינער דעם צווייטען און אין די לאנגע ווינטער אווענטען פלעגען זיי פארברייננ־גען צוזאמען ביים פייער און הערען וואס עס דערצעהלען די אלטע פארמער, וועל־כע זיינען געווען אויך אין אנדערע ווייטע לענדער און האבען געזעהן א וועלט.

דושייק איז געווען מיט א פאר יאהר עלטער פון סעם'ען און אויך שטארקער פון איהם און האט געהאט א פעסטען כאראקטער און א ברייטען פארכמורעטען פנים מיט גרויע קליינע קאלטע אויגען, רוהיגע, ווי צוויי שלאפענדע וואסערלאך אין די בערג. און סעם האט אויסגעזעהן ווי א יונגער טאפאל שלאנק און דין, האט געהאט אן איינגעצויגען שמייכעל אויף די ליפען און זיין פנים פלעגט אפט זיין פארטראכט און בלאס.

איין מאל אין א ווינטער פארנאכט זיינען זיי געגאנגען איבער'ן טאל און געדערט, אז מ'פארגט דארפען זיי פאהרען אין יואלר האקען בויכער פאר א רייכען פארמער, וועלכער קלייבט זיך אין פריה־לינג בויען א נייע הויז. פלוצלינג האט דושייק באמערקט, אז אין אלטען פוס־טען הויז, וואס איז געשטאנען אויפ'ן בארג שוין פון לאנג מיט פארקלאפטע טירען און; פענסטער האט זיך אנגעצונ־דען א ליכטיג פייער'ל און געגומען לא־קען און רופען און ביידע חברים האבען זיך אפגעשטעלט פארוואונדערט.

— ועה נאר, האט געזאגט דושייק, אימיצער וואוינט שוין דארט.

זיי זיינען געגאנגען ווייטער און גע־שמועסט, אז אפשר איז א ניט גוטער געקומען אין פוסטען הויז און אנגעצונ־דען ליכט, ווייל זיי האבען נאר ניט גע־הערט אז אימיצער זאל זיך אריבערקלייבען אהין.

דערנאך האבען זיי אנגעטראפען א קריסטליכען פארמער און יענער האט זיי דערצעהלט, אז אין פוסטען הויז האט זיך אריבערגעקליבען א רייכער איד פון ניו יארק און ער וועט דארט מאכען א גרויסען האטעל און אז דער מאן האט א שעהנע יונגע טאכטער און די „באָי־עס" פון טאל וועלען שוין איצט אויס־טרעטען א פארבארגענע סטעזשקע צום שפיץ פון בארג.

שפעט אין אווענט, ווען זיי האבען זיך אומגעקערט אהיים, האט שוין דאס פייער'ל מעהר ניט געמאכ'עט פון אימען הויז, נאר ביידע זיינען א ווייל געשטא־נען ביי די טירען פון זייערע הייזער און געקוקט אין דער שווארצער ווייטקייט צום בארג צו און ביידע האבען גע־טראכט פון דער אומבאקאנטער מיידעל, וועגען וועלכער דער קריסטליכער פאר־מער האט גערעדט מיט אזא באגייסטע־רונג און יעדערער האט באשלאסען ביי זיך אז מארגען, ווען ער וועט קומען פון יואלד, געהן צו דעם מאן און פרעגען ביי איהם אויף ארבייט און אזוי וועט ער זעהן די מיידעל און קענען זאגען איהר א פאר ווערטער.

אויף מארגען האט אין יואלד אויפ'ן קאלטען ווייסען שניי און אויף די הויכע גרינע סאסנעס געשיינט מיט פאנטאס־טישע ארזארען די זון און ביידע חברים האבען געארבייט מיט'ן גאנצען כח און אלץ זיך געטמארעט דערמאנען יענע סמוטנע רייצענדע פרויען געשטאלט מיט'ן ווייסען לייב און רונדע גלידער וואס האט זיך זיי געפאנטערט ביי נאכט אין שלאף און אונטער זייערע העק פלעגען קרעכצענדיג מיט א שמילען גע־ווין פאלען צו דער ערד א בוים נאך א בוים און זיך אויסציהען אהן לעבען און בלייבען פארגליווערט ווי מתים. און אזוי פארבאהאלטענדיג אין זיך זייערע נאכטיגע חלומות און דעם געדאנק צו געהן אין אווענט בעטען ארבייט אויפ'ן בארג, האבען זיי אויסגעהאקט א סאסנע נאך א סאסנע ביז די זון האט זיך גע־זעגט און אין יואלד איז געווארען פינס־טער.

אין אווענט האט זיך יעדער אנגע־צונדען דאס פייער אין איטען הויז און סעם איז דער ערשטער אוועק צום בארג. אויפ'ן וועג האט איהם פארדראָ־סען פארוואס ער האט מיט זיך ניט גע־רופען דושייק'ען. נאר ער איז געגאנגען ווייטער און האט זיך גענומען ארויפהוי־בען אויפ'ן בארג. דער וועג איז געווען פארשאטען מיט הויפעס שניי און סעם האט געשטעלט שווערע טריט און האט זיך געוידערט אלע ווייערע אנשטייטענ־דיג זיך אן א קוסט. דערנאך האט ער אין דער פינסטער באמערקט דעם נאָך־ארטען אויסגעטריטענע בוים וואס איז געשטאנען אין דער הויף ביי א אפגרונט און אביסעל ווייטער ליכט אין די פענס־טער פון הויז. א הויכער ברייט פלייצי־גער מאן האט אויפגעמאכט די טיר און געבעטען סעמ'ען אריינקומען. סעם האט אפגעקלאפט דעם שניי פון די שיך, האט זיך באגריסט און איז אריין אין הויז.

אין צימער ביים טיש איז געזעסען א איינגער און אריינגעקוקט אין א ביכעל און צוויי פרויען שטימען האבען גערעדט הינטער'ן וואנט און געקלונגען מיט גע־פעס. סעם איז א מינוט געשטאנען מיט'ן היטעל אין האנט און געשוויגען. דער־נאך האט ער געזאגט, אז ער איז פון טאל און א דא ניט ווייט און ער זוכט ארבייט. ער קען אלץ, וואס א פארמער דארף קענען און האט ניט איינמאל גע־בוים נייע הייזער. דער מאן האט איהם פריינדליך געבעטען זיצען. איצט איז נאך פריה אבער אביסעל שפעטער וועט זיין א סך צו טאן אויף זיין פארם און ער וועט דארפען האבען ארבייטער און דערווייל זאל ער ארויסקומען אמאל אין

אווענט פארברענגען א שעה צוויי, זיי זיינען דאך שכנים און ער האט ליב צו לעבען מיט ארעמע און שרים און געבען זי פארדינען, אזא מענש איז ער.

סעם האט זיך איינגעהערט ווי די פרויען טיען עפעס אין קיך און איינע פון זיי זינגט אן ליגען און הערט אויף און איהר קול איז ריין און הייליג און דאס מוז זיין די טאכטער זיינע. און מיט אמאל איז די מיידעל אריין אין צי־מער און מאך אונדערט אנגעקוקט דעם פרעמדען „באָי" וואס איז געזעסען מיט איהר פאטער און גערעדט. סעם האט אנגעשטעלט אויף איהם זיינע זונ־ריינען פריינדליכען בליק, די מיידעל איז גע־ווען אלט א יאהר צוואנציג און האט גע־האט רויטע ווי פייער געדיכטע לאנגע האר, זומער שפרינקלאך אויפ'ן פנים אונטער די העציגע אויגען און א שטארק ענטוויקעלטען זעהר ווייסען הער־פער און סעם האט זיך דערמאנט אז אט אזא האט זיך איהם געפאנטערט אין שלאף א גאנצע נאכט.

די מיידעל האט גארנישט געזאגט און איז אריין צוריק אין קיך און סעם איז נאך א ווייל געזעסען און איז אוועק.

אראפגעהענדיג פון בארג האט סעם געטראפען דושייק'ען.

— דו האסט פארכאפט דער ער־שטער, האט א לאך געטאן דושייק, ווי זעהט זי אויס.

נאר סעם האט עפעס אנדערש גע־ענטפערט, אז דער מאן וועט זיי געבען ארבייט און זיי ווערען ביי איהם גוט פארדינען, און דערנאך האט ער דער־צעהלט אז ער האט די מיידעל געזעהן איינגאנצען א פאר מינוט און איהרע אויגען קוקען ווי ביי א ווילדע קאץ און אז איהר קערפער איז ווייס ווי שניי און די האר האבען דעם קאליר פון גאלד און אז זי פלעגט אלע ווייטע אנהויבען זינגען הינטער'ן וואנט און אויפהערען און איהר קול איז קלינגענד ווי ביי אן אמת'ער זינגערין.

כאכאכאכא! האט דושייק גע־לאכט. ער האט נאך קיינמאל ניט גע־הערט אזוי רעדענדיג זיין חבר און בייד־דע האבען ווידער געקוקט צום פייערל אויפ'ן בארג ביז עס איז שפעט געווארען און א קאלטער ווינט מיט א שניי זאַ־ווערוכע איז אנגעפאלען און זיי זיינען פאר־טריבען שלאפען.

עס זיינען אוועק א פאר וואכען און סעם און דושייק פלעגען אפט פארברייג־גען די אווענטען אויפ'ן בארג אין אל־טען הויז. מען פלעגט זיי תמיד פריינד־ליך אויפנעמען. די מיידעל פלעגט ניט ארויס פון צימער און זיך צוהערען וועגען וואס די מענער שמועסען. זי פלעגט זיצען ביים פענסטער, עפעס שטריקען און דושייק האט באמערקט, אז פון צייט צו צייט ווארפט זי בגנבה אויף סעמ'ען האסטיגענדע בליקען און לאזט דערנאך אראפ מיר און ליידענשאפטליך די אוי־גען דעקלאך מיט די לאנגע גאלדענע וויעס און זיצט אזוי אזויילע פארטראכט און ער האט דערפיהלט אין הארצען א בייזקייט צו זיין חבר. זי האט ליב סעמ'ען און אזוי איז עס אלע מאל. די שעהנסטע מיידלאך פלעגען זיך שטענ־דיג צו איהם. נאר איצט וועט זיין אנ־דערש. און א סך שלעכטע געדאנקען זיינען איהם דורכגעפלויגען אין קאפ.

דערווייל אז די מיידעל מיט סעמ'ען געווארען אלץ היימישער און הארציגער. דער יונגער שלאנקער פארמער איז איהר שטארק געפעלען געווארען און אזוי ווי זי האט זיך פון קינדערווייז אן אויסגעהאר־טעוועט דא אין לאנד האט זי געטראכט, אז זי וועט אמאל אויך אפשר חתונה האבען מיט איהם, ווייל ער איז א סך ליבער ווי די בחורים פון שטאדט און זיין שמייכעל מאכט איהר גוט פיהלען, און איינמאל האט איהר פאטער א קלאפ געטאן סעמ'ען איבער'ן פלייצע און גע־זאגט, אז ער מיט דושייק'ען קענען מאר־גען פריה קומען צו דער ארבייט. דער פריהלינג איז נאהענט און צוערשט וויל ער אראפוזארפען דעם אלטען שטאל און דעם שייער און דערנאך וועט מען שוין זעהן וואס מען האט צו טאן.

און פון דאן אן איז דושייק געווארען נאך פארכמורעטער און פלעגט גאנצענע טעג ניט ארויסרעדען קיין ווארט און סעם האט געשפאסט מיט דער מיידעל, וואס פלעגט אלע ווייליע ארויסלויפען פון הויז און צוקוקען ווי זיי נעמען פאר־נאנדער דעם אלטען שטאל א ברעט נאך א ברעט. איהרע האר פלעגען ברענען אנקעגען דער זון, די אויגען לויכטען און די ליפען זיך הויטלען און ווי בעטען א קוש. נאר זי פלעגט באלד אנטלויפען און ווידער קומען. זי האט נאך פארגע־סען צו פרעגען ביי סעמ'ען ווי אזוי זייהט מען אט די בלומען. עס איז נאך דא צייט, נאר זי וויל וויסען גלייך, ווייל זי קלייבט זיך פארפלאנצען א גרויסען גארטען דא אונטער די פענסטער פון הויז. און נאך ווייל זי וויסען ווי רופט מען אן די פויגלען מיט קאלירטע פע־

(שלוס אויף זייט 14)

צום ים

פון וואלט וויטמאן.

אידיש פון ל. מילער.

איך וואַרף זיך אויף דיין ברוסט, מיין טאטע,
איך נעם דיך אזוי ארום,
אז דו קאנסט זיך נישט באפרייען פון מיר.
איך קלאמער זיך צו דיר אזוי
אז דו מוזט מיר ענטפערן.

קוש מיך, טאטע,
באריהר מיך, מיט דיינע ליפען ווי איך באריהר
יענע, וועלכע איך האב ליב.
און ווייל איך האלט דיך אזוי נאהענט צו זיך,
אטעם מיר אריין דעם סוד פון דיין געמורמעל.

מיט פרעמדע אויגען

(פעליעטאן)

פון לעבעדיגען

ר"ט. טעאראר פאפיני פון שיקאגא ער־קלערט, אז נאר איינציגען וועט מען שוין קענען אריינשטעלען א מענשליך אויג וואס זאל זעהן ווי א געזונטליכע. וואס זאל, הייסט עס, צוזאמענוואקסען מיט'ן קערפער ווי פון געבוירען אן.

לייען איך די נייעס און פרעה זיך פאר אלע בלינדע פון דער וועלט. (און די וועלט איז דאך פול מיט אזוי פיל בלינדע).

עס איז די גרויסע פרייד פון זעהן, עס איז די אומגעהויערע שמחה פון „עס ווערט ליכטיג"...

עס איז די בשורה פון פארטרייבען די פינסטערניש. דאס ערגסטע פון אלע צרות אויף דער וועלט.

און בפרט די מענשליכע פינסטערניש. זאג איך זיך: אזא ערקלעהרונג ווי דר. פאפיני'ס דארף זיין דער גרעסטער יום טוב אויף דער וועלט און דארף גע־פייערט ווערען פון אלע בלינדע און זעהענדיגע צוגלייך.

אט אזוי פרעה איך זיך. אבער ביי דער שמחה ווערט מיר אביסעלע אומעטיג אויך.

איך פארטראכט זיך: טאקע מענשען וועלען קענען זעהענדיג ווערען... טאקע פרעמדע אויגען צוריק... אבער, וי שווער איז עס צו קוקען מיט פרעמדע אויגען, צו אומטראגען זיך א לעבען לאנג מיט א פרעמדע אויג...

עס מוז זיין שרעקליך פאר דעם מי־טערען מענשען, פאר דעם ענטזאגסמיש־רען, פאר דעם מענשען וואס וויל האבען אן אייגען בליק אויף זאכען.

און אויג איז נאך שלעכטען ניט קיין צאהן.

פרעמדע ציינער — קענען ווערען אייגענע, ווייל ציינער זיינען ניט די הויפט זאך פון לעבען. כאטש מיט צוויי צוקייט מען עסען... אן ציין דערמאנט מען זיך נאר ווען מען עסט...

אבער אויגען? — דורך אויגען זעהט מען דאך וועלטען! דורך דער אויג גיהען דורך אלע מענשליכע רעגונגען... א פרייער געזעהן — און נאכדעם באגערט. א פרייער געזעהן — און נאכדעם באנו־מען...

און דא שפילט שוין א גרויסע ראלע — אייגענס.

אן אייגען קוק, פון אן אייגענעם אויג איז ניט קיין פרעמדער?...

אט אזוי ערגער איך זיך און צושטער, ווי מיין שטיינער איז, מיין אייגענע שמחה.

אבער אין א ווייליע ארום הויב איך אן צוטרייבען די אומעטיגע געדאנקען.

א הוש א הוש! צוטרייב איך זיי ווי ווילדע גענז!

און מיר ווערט ווידער גוט...

נאך אלעמען איז עס א גרויסע ער־פינדונג. פארט א ליכטיגע ערפינדונג.

און איי דאס אויג איז נאך א פרעמ־דעס?

איז צוריק געפרעגט: וויפיל מענ־שען האבענדיג אייגענע אויגען, קוקען עס מיט זיי?

ווי מיר דאכט, קוקט דאס רוב מענ־שען אין זאכען מיט פרעמדע אויגען...

מען האט אן אייגען אויג. — אבער דער קוק אויפ'ן לעבען איז א פרעמדער...

אדער דעם טאטען־מיינעמ'ס; אדער דעם לעהרער'ס, אדער דעם חבר'ס אדער גאר פון א ביכעל... זעהר ווינציג מענשען נוצען די גרויסע מתנה, דאס אויג, אויף אייגנארטיגע, אריגינעלע זאכצען...

ביי דעם גרעסטען טייל מענשען ווייד־נען די אויגען בלויז דא אויף אכטונג צו געבען מען זאל איהם ניט איבערפאה־רען — און אויף שלאפען...

ביי נאך א היבשען טייל אויף נאכ־צוקוקען א נקבה פון הינטען...

זעהר ווינציג מענשען קוקען אריגי־נעל, זעהען אליין...

און דאן וועט די ערפינדונג מיט דעם אריינגעשטעלטען אויג קיינעם ניט שא־קירען...

דאס פרעמדע אויג וועט פונקט אזוי פיל זעהן ווי דאס אייגענע.

אדער בעסער: וועט פונקט אזוי ניט זעהן...

און איך טראכט ווייטער: און אפשר קאן מען ביי דער דאזיגער פרעמדע אויג ערפינדונג אויך צופאסען די טעאריע פון אראפטירונג.

אט אראפטירען דאך מענשען קינדער און ווערען צו זיי טרייע טאטע־מאמע.

ווייל דא ווי אין א סך אנדערע פא־לען שפילט די ראלע די געוואוינהייט.

מען געוואוינט זיך צו — און עס ווערט אייגענס...

דער אייביגער כח פון געוואוינהייט!

און אויב אזוי, וועלען מיר אנרופען דאס אריינשטעלען פון פרעמדע אויגען — אראפטירונג.

און דאן וועט עס הייסען! מענשען אראפטירען א פרעמד אויג...

און פונקט ווי א קינד ווערט ביי דיר טייער ווי דאס אויג אין קאפ, וועט ביי דיר דאס אויג ווערען טייער ווי דאס קינד אין הויז...

קורץ: נאך אלע ספקות און פארטי־פענישען גלויב איך אז דעם שיקאגא'ער דאקטאר'ס ערפינדונג איז א גרויסע ער־פינדונג. און אויב זי איז באמת אן אמת און איז ניט געבוים אויף נסים, מעג די וועלט פייערן אלס דעם גרעסטען נס און וואונדער פון אונזער צייט.

די טעטיגקייט פון אונזערע לאקאל יוניאנס אין דער נאהענטער וועסט

פון אונזער ספעציעלען קארעספאנדענט.

אין שיקאגא — א 5 סענטיגע פראבלעמע.

אין מיינע קארעספאנדענצען פון די לעצטע צוויי וואכען האב איך אנגערירט א פאר פון די וויכטיגע פראבלעמען, וועלכע זיינען פון לעבענס־וויכטיגקייט פאר די אינטערנעשאנאל מעמבערשיפ פון שיקאגא.

פון די אלע פראבלעמען איז יעצט אבער ארויסגעשוואוכען איינע, מיט וועלכער עס שטורעמט שיקאגא, יונג און אלט — עס האט מיט זיך מיט־געצויגען אלעמען. עס האנדעלט זיך אום דעם צי זאל די וועכענטליכע דיוס פון די מעמבערשיפ געהעכערט ווערען מיט 5 סענט א וואך אדער ניט.

די מעמבערשיפ דא צאהלט 40 סענט א וואך דיוס. פון די 40 סענט צאה־לען זיי פער קעפיטא צו דער אינטער־נעשאנאל, סיק בענעפיט און אז. וו.

יעצט, ווען די אינטערנעשאנאל פער־קאפיטא איז געהעכערט געווארען אויף 5 סענט, האט דער דזשאינט באארד אריינגעבראכט א רעקאמענדיישאן צו די לאקאלס צו העכערען די דיוס מיט 10 סענט, 5 סענט פאר דער פער־קאפיטא און די אנדערע 5 סענט פאר די לאקאלס.

איינינע פון די לאקאלס האבען שוין די העכערונג גוטגעהייסען.

ביי לאקאל 5, אפערייטארס, און ביי לאקאל 18, פרעסערס, קומען יעצט פאר ביי די מיטינגען אמת'ע שלאכטען פון ווערטער.

די פאר געהיימע לינקע קאמיסארען, וועלכע זיינען נאך פארבליבען אין דער יוניאן, און א פאר פון די דורכגעפא־לענע קאנדידאטען פאר ביזנעס אגענ־טען, נוצען אויס די געלעגענהייט און שפילען אויף די געפיהלען פון די אויס־געהונגערטע מעמבערס פון דיזע לא־קאלען. דינערצייט, אויף דעם באריהמ־טען קארנער פון מארקעט און דזשעפ־פערסאן סטריט, און ביי די מיטינגען, קומט מען און מען שרייט, אז א ביז־נעס־אײדזשענט זאל ארבייטען פאר 45 דאלאר א וואך, און אזוי ווי ער קריגט מעהר, דארפען זיינע וויידזשעס געשני־טען ווערען. און מען שינדט די הויט פון די פאר ביזנעס־אײדזשענטס. די ביזנעס אײדזשענטס זיינען שולדיג וואס עס איז ניטא קיין ארבייט; די ביז־נעס־אײדזשענטס זיינען שולדיג וואס מען העכערט די דיוס; די ביזנעס איי־דזשענטס זיינען שולדיג וואס עס זיי־נען דא קאנטרי שעפער. און מערק־ווירדיג, ווען מען פאנגט אן מיט דיזע מענשען צו דיסקוטירען, האבען זיי־ נארנים וואס צו זאגען. ווען מען פרעגט זיי, וואס זיי האבען עפעס פארצושלא־גען צו פארבעסערען די לאגע פון די קלאוקמאכער, הויבט מען אן פלאנטערען מיט דער צונג און געמינען חסרונות אויף דער אינטערנעשאנאל, אויס'ן דזשאינט באארד, אויף אלעס און אלע־מען. פארצושלאגען אבער עפעס האבען זיי ניט און ווייסען ניט וואס, און בא־גרייפען ניט וואס עס טוט זיך ארום זיי.

און מען שרייט, און מען קערט וועל־טען, פונקט אזוי ווי אלע מאטעריעלע פראבלעמען פון די קלאוקמאכער אדער דרעסמאכער וואלטען נעקענט געסעטעלט ווערען ווען דער ביזנעס אײדזשענט וויל נאר, און די פינאנציעלע פראבלע־מען פון די קלאוקמאכער וואלטען גע־קענט געסעטעלט ווערען, ווען מ'צאהלט 5 סענט ווייניגער דיוס, און ווען דער ביזנעס אײדזשענט ארבייט פאר 10 דא־לאר א וואך ביליגער.

ביי די דרעסמאכער.

דער דרעס טרייד פאנגט אן צו ווע־רען עטוואס לעבעדיגער. דער עולם פאנגט אן ביסלאכווייז צו ארבייטען און די צייט קומט ווען די יוניאן וועט אנ־פאנגען צו באנייען איהר טעטיגקייט און צו ארגאניזירען די ניט ארגאניזירטע שעפער.

ניט נאר האט יעצט די יוניאן אן אויפגאבע צו ארגאניזירען די ניט־אר־גאניזירטע, נאך א סך טעטיגקייט וועט דארפען אויפגעגעבען ווערען צו העכע־רען די פרייזען פון דער ארבייט אין די ארגאניזירטע שעפער.

דורך דעם שרעקליך לאנגען סלעק, וואס דער טרייד אין אלגעמיין האט דורכגעמאכט, זיינען די פרייזען פון דער ארבייט ארונטערגעזונקען. דער דרעס־מאכער ארבייט פון שטיק, און צו סעט־לען א פרייז ווען אין שאפ איז ניט געווען קיין ארבייט, און ווען הונדער־טער ארבייטער קלאפען אין די טירען און זוכען דזשאבס, אין אזא צייט און אונטער אזעלכע אומשטענדען צו קריגען פאר דעם נארמענט דעם ריכטיגען פרייז.

אין כמעט נעווע אומעטיקע יעצט, ווען ארבייט פאנגט זיך אן, וועט די יוניאן מוזען זיין טעטיג אויף ביידע געביטען — צו ארגאניזירען און פאר־בעסערען די לאגע אין די יוניאן שע־פער.

לאקאל 60, דער נייער לאקאל אין דיזען טרייד פון די פוילישע ארבייטער, פאנגט אן ביסלאכווייז צו פונקציאנירען. עס איז ניט געווען קיין לייכטע אר־בייט איינצושטעלען די ארבייט פון דיי־זען נייעם לאקאל. ביסלאכווייז אבער ווערט אלעס איינגעשטעלט. די אפי־סערס פון דיזען לאקאל הויבען אן צו באנייען זייערע פליכטען, און מ'קאן ערווארטען, אז דער לאקאל זאל ווערען א מעכטיגער פאקטאר אין דיזען טרייד.

די גרעסטע צאהל ארבייטער פון דיי־זען טרייד זיינען פוילישע אדער פון פוילישער אפשטאמונג, און עס איז דער לאקאל וואס וועט דארפען גרייכען דיזע ארבייטער.

ביי לאקאל 100 דרעסמאכער איז גע־ווען פאר א ווייַלע א שטילשטאנד. דער עולם איז געווען אויסגעמאטערט פון סטרייק, און דער טרייד איז געווען אין א שטילשטאנד.

דער לאקאל האט דארום באשלאסען צו זיין רוהיג פאר א ווייַלע.

יעצט, ווען דער טרייד פאנגט אן צו ארבייטען, האט דער לאקאל באשלאסען, אז עס איז צייט צו אנפאנגען די נויטיגע טעטיגקייט. די גרויסע מעמבערשיפ פון דעם לאקאל זיינען אימער גרייט פאר טעטיגקייט.

מיר האפען, אז מיט דער נייער טע־טיגקייט וועט דער לאקאל אויסמיידען דעם איינפלוס פון דיזע עלעמענטען, וועלכע האבען אריינגעבראכט אין דעם לאקאל דעם גיסט פון ניט קיין צו־טרויען און דעמאראליזאציע.

צוליב פארשידענע פונדאמענטאלע אורזאכען איז א סך שווערער אויפצו־האלטען אן ארגאניזאציאן פון פרויען ווי פון מענער, און עס איז זיכער א סך שווערער צו ארגאניזירען א טרייד וואו די גרעסטע צאהל ארבייטער זיינען פרויען. און ווען געוויסע עלעמענטען פון א פרויען ארגאניזאציע זוכען דיזע ארגאניזאציע אויסצונוצען פאר אויסער־ליכע צוועקען, און ווען מען ערלויבט זיי דאס ניט, טרייען זיי אפראמען פון וועג די יעניגע וועלכע ערלויבען דאס ניט, מיט דעם וואס זיי ברייגגען אריין דעם אומצוטרויען. דער גיסט פון אומצו־טרויען איז זייער וואפע. די עלעמענ־טען, וואס ברייגגען אריין דעם אומצו־טרויען אין אונזערע לאקאלס, ווייסען די שוועריגקייטען פון פרויען־ארגאניזא־ציאנען, און זיי נוצען דאס אויס.

בעפאר דעם סטרייק האט לאקאל 100 ניט פונקציאנירט ווי אן ארגאני־זאציע דארף פונקציאנירען. דורך דער צייט פון סטרייק איז די לאגע פאר־בעסערט געווארען. יעצט אבער, נאך דעם סטרייק, ארבייטען די עלעמענטען אין געהיים און שיקען זייערע שלוחים אנצופאנגען די צושטערונגס־ארבייט. יעצט, ווען די נייע טעטיגקייט פאנגט זיך אן, דארפען די מעמבערס פון דיי־זען לאקאל זיך היטען פאר דיזען גיפט. ווייל דיזע געהיימע קאמיסארען זיינען ביי לאקאל 100 ווייסען אלע. א צאהל פון זיי זיינען דיזעלבע קאמיסארען וואס האבען פארטראטען דעם לאקאל ביי דער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל.

אין טאלידא

א פאר טאלידאער קלאוקמאכער האבען לעצטע וואך פארדינט א פאר עקסט־רא דאלאר. די בעלי־בתים דארט האבען אויסגעפונען א סקים זיי פטור צו ווערען פון דעם ארגאנייזער. זיי האבען נעגעבען צו צוויי קלאוקמאכער צו 10 דאלאר און זיי געהייסען נעהן אויס־שווערען א וואראנט, אז דער ארגאנייזער האט זיי געסטראשעט מיט טוים. דער ארגאנייזער איז טאקע ארעסטירט געווארען. דער אומגליק איז אבער גע־ווען וואס דער דזשאדזש האט די קייס ארויסגעווארפען פון קאורט. דאס מערקווירדיגסטע וועגען דער קייס איז, אז איינער פון די אויסגעשלאסענע מעמ־בערס פון שיקאגא האט פאר א ווייַלע געארבייט אין טאלידא. און ווען ער האט צוגעקוקט וואס דארט טוט זיך, און ווי די צוויי קלאוקמאכער זיינען דאס גע־לאפען ארעסטירען און ארויסטרייבען דעם ארגאנייזער, דערפאר וואס ער האט זיי געהייסען טאן עטוואס, און ווען אז דער באס זאל צוריק ארויפנעמען אן ארבייטער, וועלכען ער האט ארונ־טערגעשיקט דערפאר וואס ער איז גע־ווארען א יוניאן מאן, האבען זיי פאר 10 דאלאר נעגאנגען איהם ארעסטירען

און שוהרען אין שטורם אז ער האט זיי געוואלט הרג'ענען, האט דיזער בחור'ל אויסגערופען: איך וועל אייך זאגען דעם אמת, איך האב קיינמאל ניט גע־גלויבט אז אויף דער וועלט איז דא אזוי רענק און פאיל ווי אין טאלידא.

לאקאל 67 פון טאלידא, צוזאמען מיט דעם ארגאנייזער, נעהמען אן מיט דער ארבייט, און די אלע „חכמות" פון די באלעבאטים, צוזאמען מיט די שפיא־נען, וואס זיי האבען אנגעשטעלט, וועט ניט העלפען. טאלידא וועט האבען דעם טרייד ארגאניזירט. עס וועט אפילו ניט העלפען דער סקים פון ארגאניזירען א שאפ־יוניאן, וועלכע די פירמע סאקין, פרידלאנדער און מארטין טרייט צו אר־גאניזירען פאר די לעצטע פאר וואכען. יעדער ארבייטער פון דער פירמע ווערט געצוואונגען צו סיינען, אז ער שליסט זיך אן אין דער יוניאן, וואס דער באס וויל ארגאניזירען. ווען אן ארבייטער אנטזאגט זיך דאס צו טאן, ווערט ער אנטזאגט. די מעהרסטע ארבייטער בא־גריי פען וואס דער באס באצוועקט מיט דעם און ווארטען פאר דער געלעגענהייט צו געבען דער פירמע דעם פאסיגען לעקאן.

דער קאמפיין אין טאלידא ווערט יעצט אנגעפיהרט אויף דעם באזיס פון פארצובערייטען די ארבייטער פאר א דזשענעראל סטרייק.

א בריף צום רעדאקטאר

ער קריגט ניט די „גערעכטיגקייט"
כאטש ער דארף איהר קריגען;
אנדערע קריגען איהר יע, כאטש
זיי דארפען איהר ניט קריגען.

ווערטער רעדאקטאר פון „גערעכטיג־קייט".

היינטיגער טאג איז געווען א רעגענ־דיגער און אין אווענט איז צימליך קיהל, אזוי, אז די פען האלט זיך אין האנט מחיה'דיג.

איך וויל זיך באקלאגען פאר אייך אויף דעם פאקט, דאס שוין א פאר וואכען ווי איך באקום ניט די „גערעכ־טיגקייט", און איבערהויפט האב איך איהר נישט באקומען רעגולער פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען.

ס'איז באמת כאראקטעריסטיש ווי אזוי די אונרעגעלמעסיגקייט חזר'ט זיך איבער רעגעלמעסיג זעהר אפט.

איך ווייס, אז ס'איז נישט אייער שולד נאר די שולד פון די עקספעדי־ציע, אבער צו באקלאגען זיך האב איך נישט פאר וועמען נאר פאר אייך.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך אייך אויך אויפמערקזאם מאכען אויף אן אונ־נארמאלער ערשיינונג וואס איז שוין צו־פיל נארמאל... איך ווייס פון פעלע ווי מענשען באקומען די „גערעכטיגקייט", וועלכע זיינען שוין לאנג ארויס פון אונ־זער טרייד און האבען שוין איינענע ביזנעס פון זיבען און ווירען פאר עט־ליכע יאהרען. די צייטונג קאסט אונז געלד און ס'איז באמת א פארדרוס פאר וואס ס'זאל עקזיסטירען אזא אומקאמ־פעטענץ. אויב א מיטגליד ווייזט זיך נישט אין א יוניאן פאר איין יאהר אדער מעהר, איז דאס א גענוגענדע אור־זאכע צו רעקארדירען צום פאבליקיישאן דעפארטמענט אויסצושטרייכען דעם מעמבער און צו סטאפען דאס ארויסשי־קען די צייטונג.

אויב איהר נעפינט פאר נעגוג וויכ־טיג מיין באמערקונג, גלויב איך אז איהר וועט ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די געהעריגע אויטאריטעטען וועגען דער אנגעלעגענהייט.

איך האף, אז פון יעצט אן וועל איך באקומען די „גערעכטיגקייט", אמ־ווייניגסטענס פאר א געוויסער צייט, רעגולערער ווי ביז יעצט.

מאיר רעסבאק,
מעמבער לאק. 9, לעדזשער 8782.
1620 בעסניים עוו., בראנקס.

קולטורעלע ארבייט פון ארב. רינג פאר'ן קומענדען סיזאן.

די נאציאנאלע עדיוקיישאנאל קאמי־טע פון ארבייטער רינג האט לעצטענס ארויסגעשיקט פאלגענדען צירקולאר צו אלע סעקר. און דיסטריקט קאמיטעס פון ארבייטער רינג:

טייערע פריינד:

עס איז פון אויסערגעוועהנליכער וויכ־טיגקייט אריינצוטראגען מעהר לעבען און סיסטעמאטישקייט אין דער עדיוקיישא־נאל ארבייט צווישען אונזערע מיטגלידער פאר דעם קומענדען ווינטער־סיזאן.

פאר דעם צוועק רעקאמענדירט די נאציאנאלע עדיוקיישאנאל קאמיטע, אז די ארבייטער רינג שולען זאלען ווערען פארשטענדיגע צענטערס און קלובען אויך פאר די עלטערען פון די קינדער בכלל און פאר די א. ר. מיטגלידער פון אייער דיסטריקט בפרט. מיר רעקאמענדירען צו עפענען קלאסען פאר דערוואקסענע אין אידיש שרייבען און לעזען. ענגליש שרייבען און לעזען, אריטמעטיק, עלע־מענטארע נאטור וויסענשאפט, פאליטי־שע עקאנאמיע, פיזיק, קולטור געשיכ־טע, אידישע און אמעריקאנער געשיכטע, דער לעהרער אדער די לעהרער פון דער שול וועלען מיט פארגעניגען אפגעבען זייער צייט און מיה און אויב מעגליך, צוציהען אנדערע אינטעלעקטועלע קרעפ־טען דורכצופיהרען אט דעם אנגעוויזענעם פראגראם. עס פארשטעהט זיך, אז דארט וואו עס איז ניט מעגליך דורכצופיהרען אט די אלע געגענשטאנדען, זאל אמווייניגסטענס דירעקט־ויהרט ווערען א טייל, פיהרט איין ... א... ... אפ־צאהל פון ... דער פון די הויז־מען. הו... אזוי אנגל ווי מעגליך דורכצופיהרען א רעגיסטראציע פון אלע ארבייטער רינג מיטגלידער, וואס זיינען גרייט אריינצוטרעטען אויף אזעלכע קור־סען. עס פארשטעהט זיך, אז עס וועט נויטיג זיין א פראפאגאנדא פאר דעם צוועק. די עדיוקיישאנאל קאמיטע וועט דאס פרובען טאן דורך דעם „פריינד" און דורך פארשידענע אנדערע וועגען.

אנהויבענדיג פון אקטאבער, פרובט דורכפיהרען געמיינשאפטליכע פארוויי־לונגען אדער ווי מען רופט דאס אן „סאר־שעל געטהערינגס", איין מאל אדער צוויי מאל א מאנאט. צוליב דער פארגרעסערונג פון דער מיטגלידערשאפט און צוליב די פילע וואנדערונגען פון שטאדט צו שטאדט, פעהלט ביי אונז איצט נאהענטקייט, פריינדשאפט. דער ציל אט פון די פארוויילונגען איז אויסצוארבעטען פון אונזער מיטגלידערשאפט איין פריינד־ליכע משפחה. דאס קענען זיין טאנץ אווענטען, ליטעראריש מוזיקאלישע אונ־טערנעמונגען, שפילען, א. אז. וו.

אין די צענטערס זאלען פון צייט צו צייט אייננעלייטעט ווערען דיסקוסיעס איבער פארשידענע פראגען. קאנסטאנט וועגען פארשידענע פראגען, פאר די וואס ווילען זיך צוגרייטען צום איינגליד־טען, וועלען צונעשיקט ווערען פון דעם אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. נאנץ מעגליך אז מיר וועלען האבען ביז אייך אין שטאדט א פארטרעטער פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, וואס וועט אייך העלפען אוועקשטעלען אט די רעי־זיגע ארבייט.

מיר האבען וועגען דעם באזונדער גע־שריבען צו דער שול פארוואלטונג און צום לעהרער. האט א געמיינשאפטליכען מיטינג, רעדט זיך מיט ניי דורך און זעהט ווי צוזאמען אויעקצושטעלען די ארבייט. לאזט אונז וויסען דעם דייט ווען איהר וועט באשטימען אזא מיטינג.

א מיטינג׳ — אבער א היסטארישער

(וועגען דעם לעצטען מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער א. פ. אוו ל. אין אטלאנטיק סיטי)

פון ה. לאנג.

א מיטינג אבער א היסטארישער; א געוועהנליכער, א „רעגעלער" מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר — און וואס פאר א פלאץ דער מיטינג וועט פארנעמען אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג!

איך מיין דעם מיטינג אין אטלאנטיק סיטי.

די לעזער וועלען זיך גלייך אנשטויסען, אז דאס היסטארישע פונ'ם מיטינג איז דער אינדארסמענט פאר לאפאלעט און וועהילער. אבער מיט'ן אינדארסמענט נעהט מיט עפעס גרויסעס — מיט'ן אינדארסמענט פאר לאפאלעט'ן האט זיך דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער א. פ. אוו ל. אינגאנצען אפגעריסען פון די אלטע פארטייען.

אבסאלוט אזוי.

קאלעגע זעלדין האט אין איינע פון די לעצטע נומערען „גערעכטיגקייט" פאליש אפגעשעצט דעם באשלוס פון די אויספרובירטע פיהרער פון דער א. פ. אוו ל. ער מיינט, אז די א. פ. אוו ל. איז בלויז אפגעגאנגען א „האלבען וועג"; איז נאך אלץ געבליבען „אויף פעסט" ביי די אלטע פארטייען. דאס איז פאלש. מען דארף זיין אן אקטיווער טוער אין דער ארבייטער באוועגונג, אם ווענינסטען א גאהענטער בעאבאכטער פון אלע פאסירונגען אין דער ארבייטער באוועגונג, אום צו זעהן די גרויסע באדייטונג אין דער לאפאלעט־ווענדונג פונ'ם עקזעקוטיוו קאונסיל. דער אינדארסמענט פאר לאפאלעט'ן איז אין עצם גאר נים אזוי וויכטיג. עס האט טאקע אן אומגעהייערע און אן אונשעצבארע באדייטונג פאר [illegible] ערפאלג פונ'ם פראגרעסיווען [illegible] אבער נאך [illegible] אומגעהייערע [illegible] גאר אונשעצבארע [illegible] איז אין דער [illegible] לאגישען אויספיהר, [illegible] דער אינדארסמענט מוז ברייגנען. און דער אלגעמיין־לאגישער אויספיהר איז— אז די א. פ. אוו ל. מוז ערקלעהרען קריג ביידע אלטע פארטייען, נים דוקא וועגען אזעלכע אדער אנדערע קאנדידאטען.

דער קריג איז שוין איינענטליך ערקלערט געווארען.

מאכט נים אויס, וואס אין קאנגרעס־וואהלען און אין סטייט־עלעקשאנס וועט נאך די א. פ. אוו ל. שטיצען קאנדידאטען אויף די טיקעטס פון דיזעלבע אלטע פארטייען. דאס טוט אויך דער „קאנפערענץ פאר פראגרעסיוו פאליטיקאל עקשאן". דאס טוען אויך די ספעציעלע לאפאלעט־גרופען. און קיינער, א חוץ די קאמוניסטען, וועט דאך נים זאגען, אז דער „קאנפערענץ פאר פראגרעסיוו פאליטיקאל עקשאן", אדער די ספעציעלע לאפאלעט־גרופען, האבען נים ערקלערט קריג די אלטע פארטייען.

דער פראגרעסיווער קאמפיין, אויב ער האט איבערהויפט וועלכע עס איז באדייטונג, איז עס גאר זיין קריגס־ערקלעהרונג די אלטע פארטייען.

און איך וואג צו זאגען, אז אין דעם באשלוס פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער א. פ. אוו ל. ליגט מעהר „דינאמיט" נעגען די אלטע פארטייען, ווי אין אלע ארויסטרעטונגען פון די אנדערע פראגרעסיווע עלעמענטען.

פארגעסט נים, אז ביז די אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר האט אינדארסירט לאפאלעט און וועהילער, האט מען נים געקענט זאגען, אז די ארבייטער באוועגונג איז הינטער די קעמפענדע סענאטארען פון וויסקאנסין און מאנטאנא. האבען גענומען איינצעלנע און גאנצע גרופען יוניאנס זיין אינ'ם לאפאלעט־קאמפיין; מעג אפילו די פראגרעסיווע באוועגונג האבען אין איהר הינטערגרונד בלויז דעם עקאנאמישען קאמף אין לאנד; אהן דעם אינדארסמענט פון דער א. פ. אוו ל. וואלט דער לאפאלעט קאמפיין קיין ארבייטער קאמפיין נים געווען.

איצט איז די פראגרעסיווע באוועגונג אן אויסדרוק פונ'ם פאליטישען קאמף פון די ארגאניזירטע ארבייטער אין לאנד. און עס איז דער ערשטער אמת־אונאבהענגיגער און אמת־ארגאניזירטער פאליטישער קאמף פון די ארבייטער.

ארגאניזירט — דערפאר, ווייל די אויספרובירטע מאשינערי פונ'ם יוניאן־לעבען אין לאנד ווערט געשטעלט אין דינסט צום קאמפיין; און אונאבהענגיג — דערפאר, ווייל, ווי שוין געזאגט, די א. פ. אוו ל. האט זיך א העסטיגען דים געטאן פון די אלטע פארטייען.

ווארים, אין דער דעקלאראציע פונ'ם עקזעקוטיוו קאונסיל ווערען די אלטע פארטייען אויסדריקליך פארדאמט. „זיי האבען געבראכט שאנד אויפ'ן לאנד" — איז דא איין אויסדרוק. „זיי זיינען אן אומגליק פאר'ן לאנד" — איז דא א צווייטער אויסדרוק.

און נאך העפטיגער האט די א. פ. אוו ל. זיך אפגעריסען פון די אלטע פארטייען מיט די שריט פון איהרע פיהרער נאכדעם, ווי דער אינדארסמענט פאר לאפאלעט'ן איז שוין געווען באשלאסען. דאס איז די לאגיק פון קאמף. איז מען ארויסגעטראטען נעגען די הויפט־קאנדידאטען און נעגען די פלאטפארמעס פון די אלטע פארטייען, מוז מען שוין פיהרען א קאמף נעגען זיי אויף אלע פראנטען. און דאס איז אויך אין דעם באראקטער פון גאמפערס'ען. ערקלעהרט ער מלחמה א פארטיי אדער א באוועגונג, איז עס ביז'ן ווארצעל. און דער כאראקטער פון גאמפערס'ען איז דער כאראקטער פון דער א. פ. אוו ל. פונקט אזוי ווי די גאנצע לעבענס־געשיכטע פון גאמפערס'ען איז די לעבענס־געשיכטע פון דער א. פ. אוו ל.

אז גאמפערס האט זיך פארנומען צו רייסען די ווארצלען פון די אלטע פארטייען, באווייזען זיינע ענטפערס צו וויליאם ב. ווילסאן, געוועזענער ארבייטס־מיניסטער, וועלכער האט געזוכט צוצוביגדען די א. פ. אוו ל. צו דייווויס'ען, און צו פארשטארקען דעם באנד ארום דער א. פ. אוו ל. און די דעמאקראטישע פארטיי. גאמפערס שלאגט די פארטיי, מיט וועלכער ער איז געגאנגען יאהרען און יאהרען, מיט אזא קראפט, אז עס לאזט נים איבער קיין צווייפעל, אויף וועלכען וועג ער פארנעמט זיך. און דער וועג אויף וועלכען ער האט זיך פארנומען, איז דער וועג פון זעלבסטשטענדיגע פאליטישע טעטיגקייט.

אייגענטליך איז עס א גאנץ נאטירליכער ווייטערער שריט פון דער פאליטישער ענטוויקלונג פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. דאס לעבען אליין האט א שטויס געטאן די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג צו מאכען דיזען שריט, פונקט אזוי ווי דאס לעבען האט געשטויסען די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג צו בייטען אנדערע פאליסים און אפטרעטען פון אנדערע טראדיציעס.

טראדיציעס, וועלכע מען האט געמיינט, אז די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג וועט קיינמאל נים אפטרעטען פון זיי.

טאקע וועגען פאליטישע טעטיגקייט: איינער פון די לאזונגען פון דער א. פ. אוו ל. אין די ערשטע יאהר פון איהר עקזיסטענץ איז געווען — „נאו פאליטיקס אין דהי יוניאנס". מיט דעם לאזונג האט זיך די א. פ. אוו ל. ארומגעטראגען א גאנצע רייהע יאהרען. נים די איינצעלנע יוניאנס, אויסגעהאדעוועט און אויסגעוואקסען אין דער אטמאספערע פון דער א. פ. אוו ל., און נים די א. פ. אוו ל. גופא האבען זיך ערלויבט ביי זייערע צוזאמענפאהרען און אין זייער טעטיגקייט צו טראכטען וועגען דירעקט באטיילינען זיך אין א וועלכען עס איז פאליטישען קאמפיין. נאך היינט זיינען דא פילע יוניאנס, וועלכע האבען פונקטען אין זייערע קאנסטיטושאנס, אז די באאמטע אדער מעמבערס זיינען פארבאטען זיך צו מישען אין פאליטישע באוועגונגען אין דעם נאמען פון די ארגאניזאציעס. אמת טאקע, די א. פ. אוו ל. קאנווענשאנס זיינען אימער ארויסגעקומען מיט פאליטישע פאדערונגען צו דער רעגירונג, אבער מעהר ווי א דעקלאראציע אין דער לופטען איז עס נים געווען. קוים האט ווער אנגעהויבען רעדען וועגען דעם לאגישען אויסגאנג פון פאליטישע באשלוסען, און זיך פארטראכט וועגען דער נויטיגקייט פון די יוניאנס זיך צו באטיילינען אין דעם פאליטישען לעבען פון לאנד, איז מען געקומען מיט'ן „נאו פאליטיקס אין דהי יוניאנס" און האט זיך דערמאנט צו „נאן פארטיזאן פאליטיקס".

געהן אין פאליטיק, זיך מישען אין פאליטיק, זאגען דעות אין פאליטיק, מאכען גוואלדען, פאדערען, אבער — אויף איין אופן:

„צו באשטראפען שונאים און באלוינען פריינד".

קאנדידאטען, מאכט נים אויס פון וועלכע פארטייען, — זיינען זיי פריינד פון יוניאנס, זאל מען זיי ערוועהלען; זיינען זיי שונאים, זאל מען זיי פארטרייבען.

און די א. פ. אוו ל. האט זיך מיט דעם געהאלטען א רייהע יאהרען — ביז די לאגיק פון פראקטישען קאמף האט אנגעהויבען פאדערען:

„אויב מיר געהען אין פאליטישע מלחמות, דארפען מיר זיין פאליטיש ארגאניזירט".

און די א. פ. אוו ל. האט אנגעהויבען ארגאניזירען איהר „אונפארטייאישע פאליטיק"; האט אנגעהויבען צוזאמענשטעלען „נאן פארטיזאן" קאמיטעס אין אלע שטאטען; האט עס זאגאר באגלייט מיט א טעאריע:

„אונפארטייאיש צו פארטייען און קאנדידאטען, אבער פארטייאיש צו פרינציפען".

און עס האט שוין געהייסען, אז די א. פ. אוו ל. באוויזט די ארבייטער באוועגונג צו ווערען א פאליטישער כח אין לאנד; האט א פאליטישען פראגראם; שטעלט ארויס ארבייטער שטרעבונגען אלס פאליטישע פאדערונגען; — נאר וואס דען? זי האט זיך איהר אייגענע מעטאדע, איהר אייגענעם וועג, — דורכצופיהרען איהרע „פארטייאישע פרינציפען" אויף אן „אונפארטייאישען וועג".

וואס זאל אבער די א. פ. אוו ל. טאן, ווען דאס לעבען מאהנט און מאהנט און שטויסט און שטויסט? זיך שטעלען נעגען דעם באפעהל פון לעבען? די אמעריקאנער ארבייטער פירער זיינען די לעצטע צו זיין דאן קיכאטען! אודאי נים גאמפערס!

און ווען דאס לעבען האט געוויזען, אז מ'קען נים אויסקומען „פארטייאישע פרינציפען" אויף אן „אונפארטייאישען וועג" האט די א. פ. אוו ל. איצט געמאכט א נייעם שריט — פרובירען ווי עס וועט געהן אויפ'ן וועג, וואס קען פיהרען צו א נייער אן אייגענער פארטיי...

דאס איז די לאגיק פון דער זאך, מאכט נים אויס, צי עס רעדט זיך יא, צי עס רעדט זיך נים אין די לאפאלעט־רעזאלוציעס פון די יוניאנס וועגען אן אייגענער פארטיי. מעג זיך אפילו רעדען דארטען נעגען אן אייגענער פארטיי — דאס לעבען שטויסט און דאס לעבען ווייזט דעם וועג...

דער פאקט, אז אין א רייהע יוניאנס האבען די לעצטע קאנווענשאנס זייערע באשלאסען צו ענדערען די קאנסטיטושאנס, און האבען אריינגעשריבען אין די שטרעבונגען פון די יוניאנס זיך צו באטיילינען אין פאליטישע באוועגונגען, וועלכע זיינען צום דינסט פון די ארבייטער־אינטערעסען — דיזער פאקט באווייזט עפעס.

באווייזט א סך.

דער מיטינג פונ'ם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער א. פ. אוו ל. אין אטלאנטיק סיטי איז אלזא היסטאריש דערמיט, וואס עס האט קלאהר און אפען אויסגעדריקט דעם דראנג אין דער ארבייטער באוועגונג צו זיין פאליטיש קאנזעקווענט.

עס מוז אבער נעזאגט ווערען, אז היסטאריש איז דער מיטינג אויך געווען מיט דעם, וואס עס האט גערעדט אין א קלאהרער שפראך טראץ דעם, וואס עס קען זיין מאמענטאל נעגען די אינטערעסען פון די לאקאלע ארבייטער ארגאניזאציעס.

מען דארף נים מיינען, אז דער באשלוס פונ'ם עקזעקוטיוו קאונסיל וועט אפגעהן גלאט. די נאכוועהענישען פון דעם מיטינג ווייזען עס אונבאשטרייטבאר. דער באשלוס פונ'ם עקזעקוטיוו קאונסיל איז גאר נים צום הארצען פון גאר א גרויסען טייל ארבייטער פיהרער און גאנצע יוניאן קערפערשאפטען. וואלט דער עקזעקוטיוו קאונסיל אפגעקומען מיט א בלויזען אינדארסמענט פאר לאפאלעטען, וואלט'מען עס נאך ווי עס איז אראפגעשלונגען אויך אין די יוניאן קרייזען, וואו מען איז נים אזוי פראגרעסיוו און אויסגעהאלטען, ווי מען איז אין דעם צענטער פון דער ארבייטער באוועגונג, אין דער פיהרערשאפט פון דער א. פ. אוו ל. אבער דער עקזעקוטיוו קאונסיל איז געגאנגען ווייטער. האט פארדאמט די אלטע פארטייען. האט פארברענט די בריקען, וועלכע האבען צוזאמענגעשלאסען די ברענען פון דער ארבייטער באוועגונג מיט די ברענען פון די אלטע פארטייען. און דאס קענען נים אלע יוניאנס פארטראגען.

און מיר נעמען אן די ערהייבטע, די אויסגעריכטעטע אורזאכע.

די אורזאכע, וואס לאקאלע ארבייטער אינטערעסען זיינען אפט אנגעוויזען אויף די לאקאלע אדמיניסטראציעס באהערשט פון די אלטע פארטייען.

די בילדינג טריידס, צום ביישפיל.

עס איז א כאראקטעריסטישער אונטערשייד אין די אינטערעסען־אבהענגיגקייט פון די אייזענבאהן יוניאנס ביז די אינטערעסען אבהענגיגקייט פון די בילדינג טרייד יוניאנס. די ערשטע זיינען מעהר אנגעוויזען אויף די פאליטישע צושטענדע ארום דער פעדעראלער רעגירונג, וועהרענד די צווייטע זיינען מעהרער אנגעוויזען אויף די פאליטישע צושטענדע ארום די סטייט און שטאדט רעגירונגען. דער כאראקטער־לאזער און זעלבסטזיכטיגער פאליטישען, וואס קען נעמען נקמה פון דער ארבייטער באוועגונג פאר נעהן פאליטיש זעלבסטשטענדיג, געפינט זיך ניכער אין די לאקאלע אדמיניסטראציעס, ווי אין דער נאציאנאלער פאליטיק. די בילדינג טרייד יוניאנס זיינען אלזא אויס ריינעם אבער לאקאלען וואוילזיין פון זייערע מיטגלידער פאראינטערעסירט נים צו פיהרען קיין מלחמות מיט די לאקאלע פאליטישענס. זיי וועלען ניכער זיין גרייט זיך ארומצוקריגען מיט דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער א. פ. אוו ל. ווי מיט א פאליטישען אין שטאדטישען באארד אף אלדערמען, אדער מיט א פאליטישען אין דער סטייט לעגיסלייטשור. הערען זיך טאקע איצט שטימען פון קריג נעגען די פיהרער פון דער א. פ. אוו ל. אין דעם און אין יענעם ווינקעל פון דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג. אזעלכע שטימען קענען אמאל אפקלינגען גאנץ הויך, און דעם עקזעקוטיוו קאונסיל קען אויסקומען צו באגעגענען א בונט נעגען זיך. און דאך האט דער עקזעקוטיוו קאונסיל געהאנדעלט לויט זיין אייגענער אפשאצונג פון די בעסטע אינטערעסען פון דער ארבייטער באוועגונג. איז עס געווים א היסטארישע האנדלונג.

ניין, גאמפערס איז נים קיין נאכגעהער; ער איז א פיהרער!

ווי יעדער געטרייער פאלקס־פיהרער טרעט ער נים אפ צו ווייט פון די פאלקס־מאסען; ער איז שטענדיג נאהענט צו זיי, שטענדיג צווישען זיי, — און אין דערזעלבער צייט פיהרט ער זיי.

ביים מיטינג אין אטלאנטיק סיטי האט גאמפערס אויפגעשריבען נאך א שעהנעם בלעטעל אין זיין לעבענס־בוך...

אינטערנעשאנאל קאלענדאר

פון ה. סקולמאן.

היינטיגע וואך מיט 12 יאהר צוריק

עס ווייזט זיך ארויס, אז די מעטאדען פון די קלאוק־באסעס אין ניו יארק, צו פאדערען רעפערענסעס פון יעדען נייעם בעל־מלאכה וואס זיי נעמען ארויף צו דער ארבייט, ווערט פון זיי שטארק אויסגענוצט נעגען א געוויסען טייל קלאוקמאכער, וועלכע האבען פארלארען זייערע ארבייטס־פלעצער צוליב יוניאן אקטיוויטעט. די „גייע פאסט" שרייבט וועגען דעם א לייט־ארטיקעל און שלאגט פאר דאס די קלאוק־מאבער בכלל זאלען זיך איינפאך אנטזאגען פון צושטעלען אירגענד וועלכע רעפערענס ביים אנגעמען א נייעם דזשאב. די איינציגע רעפערענס וואס א יוניאן־מאן דארף האבען איז זיין יוניאן־ביכעל.

* * *

פאר א משך פון 4 וואכען האבען די אפערייטארס פון מ. שטייגעל'ס שאפ. פון 37 וועסט 19טע סטריט געארבייט מיט 10 סענט אויפ'ן גארמענט ביליגער ווי די יוניאן האט פאר זיי געשטעלט. די יוניאן האט זיך אבער וועגען דעם דערוואוסט און האט, ערשטענס, קאלעקטעט די צעהן־סענט־מיגע, וועלכע האבען באראפען די סומע פון הונדערט און ניין דאלאר; צווייטענס, האט די יוניאן ארונטערגעשיקט דעם גאנצען סעט בעלי מלאכות און ארויפגעשיקט א נייעם סעט ארבייטער.

* * *

דער דזשאינט באארד (ניו יארק) האט אין צוזאמענהאנג מיט א נעזעץ וואס איז ארויסגעגעבען געווארען פון דער ניו יארק סטייט לעגיסלייטשור אנגענומען א באשלוס, אז קיין יוניאן מאן זאל נים מארען ארבייטען מעהר ווי 54 שטונדען א וואך. דער סטייט־געזעץ איז, אמת, בלויז פאר פרויען אבער אום דיזער געזעץ זאל קענען דורכגעפיהרט ווערען דארפען אויך די מענער נים ארבייטען מעהר ווי 54 שטונדען א וואך.

מיט אלע זייערע כוחות די יוניאן־פיהרער וועמען זיי האבען אויסערוועהלט צו טאן די נויטיגע יוניאן־ארבייט, ווארים זיי מוזען געדענקען, אז די בעסטע און ענערגישסטע יוניאן־טוער נויטיגען זיך אין זייער מיטווירקונג, אום צו זיין באמת ערפאלגרייך; אז, ווי אלע אנדערע מענשען, נויטיגען אויך זיי זיך אין אביסעלע אנערקענונג פאר זייער גוטער ארבייט. גענוג שוין ווארפען שטיינער אין אונזערע פעהיגסטע און בעסטע, און זיך איינריידען, אז דאס איז ראדיקאלע, רעוואלוציאנערע ארבייט. ניין, דאס איז פונקט דער היפוך דערפון. און מיר זיינען פעסט איבערצייגט, דאס ווען אונזער גרויסע מעמבערשיפ וועט האנדלען אין דער אנגעוויזענער ריכטונג, איז ווירקליך נימא אזא פאדערונג, וואס איז נאר אין די גרעניצען פון מעגליכקייט, וואס זאל נים קענען אויסגעפיהרט ווערען, און וואס איז אזוי גלענצענד דעמאנסטרירט געווארען דורך דעם איצטיגען קאמפיין, מיט וועלכען עס עפענט זיך א גאנץ נייע בלאט אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — H. SCHOOLMAN, Business Manager
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VI. No. 34, New York, Friday, August 22, 1924
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

דער נאר־וואס געענדיגטער קלאוקמאכער סטרייק און זיין באדייטונג

מיט דער אויפלייזונג פון דער גענעראל־סטרייק־קאמיטע לעצטען מאנטאג, דעם 11טען אויגוסט, האט זיך געענדיגט אפיציעל דער רעארגאניזיישאן־סטרייק, וועמעס וויכטיגקייט איז אזוי גרויס, אז עס קאן גארניט איבערגעשאצט ווערען. עס איז דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער־באוועגונג, ווען א יוניאן האט ארויסגעשטעלט פארדערונגען פון אזא ברייטען, אומפאסענדען אינדוסטריעלען כאראקטער; עס איז דאס ערשטע מאל, ווען א יוניאן האט געהאט דעם מוט צו ערקלערען, אז די אינדוסטריע, אין וועלכער איהרע ארבייטער זיינען באשעפטיגט, שטעהט אויף א פארפוילטען פונדאמענט, פון וועלכען עס קומען די אלערליי קראנהייטען, און דאס כדי די אינדוסטריע זאל קומען צו איהר געזונטען, נארמאלען צושטאנד, מוז זי פון גרונד־אויס איבערגעבויט ווערען; עס איז דאס ערשטע מאל, ווען א יוניאן האט געשטעלט פארדערונגען וועלכע זיינען ביז איצט באטראכט געווארען פאר זאכען, וואס דארף די ארבייטער גארניט אנגעהן, וואס איז גארניט זייער עסק, וואס איז די אויסשליסליכע פריווילעגיע פון די „קאפיטאנען פון דער אינדוסטריע". עס איז דאס ערשטע מאל, ווען א יוניאן האט געמאכט א גרויסען פארזוך צו קריגען א שטארקען חלק אינ'ם קאנטראל איבער דער אינדוסטריע, און זי האט עס אויך געקראגען.

❦

און מיר זיינען פון דער פעסטער איבערציינונג, דאס ווען די יוניאן וואלט ניט אויסגעפיהרט קיין אנדער זאך, ווי נאר דאס, וואלט דאס אליין שוין געווען דער גרעסטער זיג, וואס די יוניאן האט אמאל געוואונען. אויף צו להכעיס דעם קאפיטאליסטישען פרינציפ פון דער הייליגקייט פון קאנקורענץ, וועלכער איז אזוי טייער יעדער בורזשואזער הארץ, האט זי אויסגעפיהרט ביז צו א גרויסען גראד צו מאכען א סוף צו אט דעם „הייליגען" קאפיטאליסטישען פרינציפ. די יוניאן האט ערקלערט, אז פון דעם דזשאבער, דעם מאנופעקטשורער מוז אוועקגענומען ווערען די מעגליכקייט צו קויפען זיינע גארמענטס וואס בילינער; און, כאטש די שטעלונג איז אזא, וואס געהט להיפוך דער גאנצער קאפיטאליסטישער תורה, האט זי עס אויסגעפיהרט, און אויסגעפיהרט האט זי עס אויף אן אופן, וואס מוז ארויסרופען די אלגעמיינע באוואונדערונג. באטראכט נאר די זאך אין איהר ריכטיגען ליכט, און איהר וועט איינזעהן די גאנצע געמעסיגקייט פון אונזער באהויפטונג. וואלט די יוניאן געסטרייקט פאר דעם, און זי וואלט געוואונען אט די פאדערונג, איינפאך, ווייל די בעלי בתים וואלטען זיך ניט געקאנט העלפען, וואלט עס געווען געוויס א זעהר וויכטיגער אויפטו, אבער ווייט פון ניט אזא באדייטונג, וואס זאל מאכען איינעם שטוינען. די ערקלערונג וואלט געווען: די ארבייטער זיינען געווען גוט ארגאניזירט, און די באסעס האבען פאר דעם מאמענט ניט געקאנט זיך העלפען, און זיי האבען נאכגעגעבען די ארבייטער עטוואס, וואס על פי שכל, על פי יושר האבען זיי ניט געדארפט און ניט געטארט אויספיהרען. אזא געווינס וואלט געווען א גוטער ארגומענט פאר דער גרויסער קאמף־מאכט פון דער יוניאן, און ניט מעהר.

❦

אין אונזער פאל האט אבער פאסירט עטוואס, וואס איז ווירקליך מערקווירדיג. א קאמיסיע, באשטימט פון גאווערנאר סמיט, יעדער איינער פון וועלכער איז, לויט זיין ערציהונג, לויט זיינע לעבענס־ערפאהרונגען, לויט זיין גאנצער סביבה, אן אנהענגער פון דעם איצטיגען קאפיטאליסטישען סיסטעם, האט אויסגעהערט די טענות פון דער יוניאן און אלע אנדערע צדדים, זיך אין איהר ענטשיידונג אין גאנצען געשטעלט אויף דער זייט פון דער יוניאן. איהר ענטשיידונג ענטהאלט די שארפסטע פארדאמונג צו דעם קאנקורענץ־פרינציפ, ווי ער האט געהערשט אין דער קלאוק־אינדוסטריע אין דער שייכות צווישען דזשאבער און סאב־מאנופעקטשורער. מיט איהר ענטשיידונג האט זי באדייטענד ארונטערגעשניטען די מאכט־פליגלען פון די דזשאבערס אויפצושפילען איין קאנטראקטאר געגען א צווייטען, און, אזוי ארום, ברענגען אויך די ארבייטער צום בעטעל־ברויט; דורך איהר ענטשיידונג האט זי ערקלערט, דאס דער קאנטראל איבער דער אינדוסטריע איז ניט די אויסשליסליכע פריווילעגיע פון דעם מאנופעקטשורער און קליידערהענדלער, נאר אויך פון די ארבייטער, רעפרעזענטירט דורך זייער יוניאן. מיט איהר ענטשיידונג האט די קאמיסיע ארויסגעבראכט דעם נייעם געדאנק, דאס דער אינטערעס פון די ארבייטער געהט פיל ווייטער, ווי בלויז ווידזשעס און שטונדען, ניט ווייל די לעצטע הענגען אפ פון דעם כאראקטער פון דער אינדוסטריע, נאר, ווייל דער ארבייטער איז איינער פון די הויפט־פאקטארען אין דער אינדוסטריע. און דאס אלעס איז אויסגעפיהרט געווארען דורך דעם כח פון פארשטאנד, דורך דעם כח פון אונזערע שטארקערע ארגומענטען אין פארגלייך מיט די ארגומענטען פון די אנדערע פאקטארען. וואס זיינען געווען דער געגנערישער צד. אין אנדערע ווערטער, אויף דעם פארהער פון דער גאווערנאר־קאמיסיע האבען געפאכטען צוויי וועלט־אנשויאונגען: די וועלט־אנשויאונג פון דער געגענווארט, וועלכע האלט דעם ארבייטער פאר בלויז א מאשין, און וועלכע האט גארניט וואס אדיינצוזאגען אין דער אינדוסטריע, וועלכע ער שאפט, און די וועלט־אנשויאונג, צו וועלכער עס געהערט די צוקונפט, וועלכע באשטייט אויף דעם, אז דער ארבייטער איז א דענקענדער וועזען, און וועלכער מוז אלס אזעלכער באטראכט און באהאנדעלט ווערען. אז דער ארבייטער האט פונקט אזא חלק אין דעם קאנטראל איבער דער אינדוסטריע, ווי דער מאנופעקטשורער און דזשאבער. און דער אורטייל איז ארויסגעטראגען געווארען פון א קאמיסיע, וואס איז באשטאנען ניט פון סאציאליסטען אדער אנארכיסטען, נאר פון גאנץ געוועהנליכע, כאטש גאנץ עהרליכע „בורזשויעס". אין דעם זין איז דער זיג פון דער אינטערנעשאנאל א פיל, פיל גרעסערער, ווי בלויז א זיג פאר אונזער יוניאן. עס איז א זיג פאר דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג. עס איז א זיג פאר דאס אויפשפראצענדע נייע, און א מפלה פאר דאס אפגעלעבטע, פאר דאס אלטע.

❦

געוויס מעג איינער צווייפלען, אויב די זעלבע ארגומענטען וואלטען געהאט דיזעלבע ווירקונג ווען זיי וואלטען פארגעבראכט געווארען פון אן ארבייטער־יוניאן, וואס איז ניט אזוי מעכטיג, ווי די קלאוקמאכער יוניאן. מיר, פון אונזער זייט, צווייפלען ניט, אז ווען ניט דער ארגומענט, דאס אויב מיר וועלען ניט אויספיהרען מיט גוטען, וועלען מיר מוזען קעמפען, וואלט די קאמיסיע ניט געווען אזוי שטארק געגוינט זיך צו צוהערען צו די גערעכטע און אומבאשטרייטבארע טענות פון אונזערע יוניאן־פארשטעהער. יע, אונזער מאכט, וואס איז געשטאנען אין הינטערגרונד פון דער גאווערנאר־קאמיסיע, האט באדייטענד געהאלפען דערצו, אז אונזערע ארגומענטען זאלען ארויסרופען צו זיך די נויטיגע אויפמערקזאמקייט. אבער, פון דער אנדערער זייט, מיט אונזער גאנצער מאכט, ווען אונזערע ארגומענטען וואלטען ניט געווען פון אזא צווינגענדער איבערציינונג, וואלט די גאווערנאר־קאמיסיע ניט געקאנט — שטארק ווי עס איז געווען איהר ווונש, אז א סטרייק זאל אויסגעמידען ווערען — אזוי שטארק, אזוי אפען און קלאר שטעלען זיך אויף דעם שטאנדפונקט פון דער יוניאן.

❦

און דאס גרעסטע איז אונזער מאראלישער זיג, ווייל פון אנפאנג האט דאך, ווי דער אמת איז, די גאנצע עפענטליכע מיינונג זיך צוגעטראגען באשטימט פיינדליך צו דעם גאנצען יוניאן־פראגראם. פילע האבען גאנץ אפען ערקלערט דעם פארזוך פון דער יוניאן, אלס א סארט דראפען זיך אויף גלייכע ווענט. ווארים עס איז דאך געווען ווירקליך עטוואס גאנץ נייעס, אז א יוניאן זאל זיך אונטערשטעלען זאגען דעם דזשאבער, וואו ער קען לאזען מאכען אדער קויפען זיינע גארמענטס, און וואו ניט, וויפיל ארבייטער א מאנופעקטשורער מוז באשעפטיגען, אום צו קענען זיין א מאנופעקטשורער. איבערהויפט: עס איז געווען עטוואס גאנץ נייעס, אז די יוניאן זאל פארערען דאס רעכט אריינצוקוקען אין די ביכער פון דעם דזשאבער און מאנופעקטשורער. און דערפאר האט די גרויסע עפענטליכע מיינונג צוגעטראגען זיך גאנץ קאלט, אויב ניט פיינדליך, צו די יוניאן־פארערונגען. איצט איז די לאגע גאר אן אנדערע. איצט מוז אפילו אזא צייטונג, ווי די „טיימז", ארויסקומען מיט א זעהר סימפאטישען ארטיקעל פאר דער יוניאן, און אנווייזען אויף דעם רעוואלוציאנערען כאראקטער פון די אויסגעפיהרטע פארערונגען. עס איז קלאר, אז דער זיג פון דער יוניאן איז ניט בלויז איבער די בעלי בתים אין דער קלאוק־אינדוסטריע, נאר איבער דער גאנצער עפענטליכער מיינונג, וועלכע האט זיך פארהאלטען אזוי קריטיש צו דער יוניאן און איהרע פארערונגען. און דאס איז ווירקליך ניט א זיג פון מאכט, נאר א זיג פון פארשטאנד, פון לאגיק און פון דעם געפיהל פון א העכערער גערעכטיגקייט, וועלכע איז אליין אין שטאנד צו באזיגען אלערליי איינגעגעסענע פאראורטיילען.

❦

אבער די אפשאצונג פון דעם איצטיגען אויפטו וועט זיין ווייט ניט פאלשטענדיג, ווען מיר וועלען אויסלאזען צוויי פאקטארען, וועלכע האבען געארביים גראדע געגען דער יוניאן, און וועלכע זיינען געווען ביז צו א געוויסען גראד פון א פיל שמערצליכערער נאטור, ווי די געגנערשאפט פון די דזשאבערס און מאנופעקטשורערס. דער ערשטער פאקטאר איז געווען א גאנץ היבשער עלעמענט פון די ארבייטער גופא. אן עלעמענט, וועלכער קען נאר זעהן א געווינס און א זיג, ווען ער ווערט אויסגעדריקט אין דאלארס און סענטען; אן עלעמענט, וועלכער האט זיך געפיהלט שטארק ענטוישט, וואס די גאנצע פראגראם פון די פארערונגען איז ניט אויסגעפיהרט געווארען ביז צום קלענסטען פינטעלע. די געגנערשאפט פון דעם ארבייטער־עלעמענט האט זיך געלאזט פיהלען גאנץ שטארק אין דער יוניאן, און פאר א געוויסען מאמענט האט געהערשט א צווייפעל ביי מאנכע, אויב דער דער סיגנאל פאר דעם איבערבויאונגס־קאמפיין וועט געפאלגט ווערען פון דער גאנצער מעמבערשיפ. געוויס האבען די באסעס שטארק געהאפט אויף דעם, און זיי האבען געטאן דאס ערגסטע, אום צו צוברעכען די גרויסע ארבייטער־סאלידאריטעט, און ווען דאס וואלט זיי געלונגען, וואלט די גאנצע ארבייט געווען אומזיסט. נאך מעהר, דאס וואלט געווען ווירקליך איינער פון די שטארקסטע קלעפ, וואס די יוניאן האט אמאל געקראגען, און וואס וואלט, אפשר געפיהרט צו דער גענצליכער דעמאראליזאציע פון דער גרויסער קלאוקמאכער יוניאן. פאסירט האט אבער אנדערש. אין דעם טאג, דעם 8טען דזשולאי, ווען דער סיגנאל פון דער יוניאן איז ארויסגעגעבען געווארען צו פארלאזען די שעפער, זיינען אלע שעפער געבליבען פוסט און שטיל; אלע קלאוקמאכער, ווי איין מאן, האבען געפאלגט דעם קאמף־רוף פון דער יוניאן. דער געפיהל פון סאלידאריטעט, טראץ פארשיידענהייט פון מיינונגען, האט אין דעם רעארגאניזיישאן־סטרייק געפייערט זיין גרעסטער טריאומף.

❦

אף ניט נאר איז דאס געווען דער פאל אין דעם ערשטען טאג פון סטרייק, נאר אזוי איז עס געבליבען די גאנצע צייט, וואס דער סטרייק האט אנגעהאלטען. די סטרייק קאמיטע ווייס פון זעהר ווייניגע, וואס האבען פארלאזען די יוניאן און זיינען איבערגעלאפען אין דעם לאגער פון שונא. געוויס האבען די פארשיידענע קאמיטעס געטאן זייער ארבייט געטריי. אבער זיי זיינען נאר געווען א פארהיטונגס מיטעל. דער בעסטער באווייז דערצו איז, דאס זעהר ווייניג „קאורט קייסעס" זיינען פארגעקומען אין דער צייט פון קאמף. נאר דא און דארט איז פארגעקומען א קליינער פאל, וועלכער איז אנגעקומען אין פאלים קאורט. אין אלגעמיין איז אבער דער איצטיגער קאמף דער בלוטלאזיגסטער, דער פרידליכסטער וואס איז אמאל געווען. דאס אליין רעדט גאנצע ביכער פאר דעם שטארקען סאלידאריטעט־געפיהל פון אונזערע יוניאן־מעמבערס.

❦

און דער צווייטער פאקטאר, וואס האט געארביים מיט אלע זיינע שווארץ־רויטע כחות צו דעמאראליזירען די ארבייטער־סאלידאריטעט, ווי פאראכטונגסווערט עס איז, דארף ער אבער ניט אונטערשעצט ווערען. אין אלע סטרייקס זיינען סקעב־אגענטען א גאנץ געוועהנליכע ערשיינונג, צו וועלכער יעדע יוניאן איז שוין געוואוינט, און ווייס, ווי צו באקעמפען זיי און ווי זיך צו שיצען געגען זיי. אין אונזער איצטיגען קאמף, חוץ דעם געוועהנליכען סארט סקעב־אגענטען, האבען מיר געהאט נאך א נייעם סארט; א סארט סקעב־אגענט, וואס פוצט זיך אין רעוואלוציאנערע פראזען; א סקעב־אגענט, וואס שטעלט זיך כלומרשט איין פאר די ארבייטער, וואס ווערען פארפיהרט און פארקויפט פון זייערע פיהרער. נאטירליך, ווען אלע ארבייטער וואלטען פארשטאנען און ריכטיג אפגעשאצט די וויכטיגקייט און נייקייט פון דעם יוניאן־אויפטו וואלט אויך פון דער זייט ניט געווען די מינדעסטע מורא. העכסט־ווארשיינליך וואלטען אט־די רויטע אוואנטוריסטען געשטומט, וויסענדיג, אז געהן געגען דער אלגעמיינער שטימונג מיינט פאר זיי א זיכערע בלאמאזשע. אבער, ווי מיר האבען שוין געזאגט, האט אין די מוחות פון א געוויסען טייל ארבייטער געהערשט א היבשער טומעל. „וואס האבען מיר געוואונען?" איז געווען זייער לידעל. אט מיט דער מוחות־צומישעניש האבען זיך באנוצט די רויטע סקעב־אגענטען, און האבען זיך ניט אפגעשראקען פאר די געמיינסטע בלבולים, אום צו אונטערגראבען די יוניאן־מאראל פון אונזערע מעמבערס. און מיט א געפיהל פון דער גרעסטער צופרידענהייט קענען מיר איצט באריכטען, אז די ארבייט פון די סקעב־אגענטען איז געבליבען אהן דער מינדעסטער ווירקונג אויף אונזער מעמבערשיפ. אלעס, וואס זיי האבען אויסגעפיהרט איז, דאס עס זיינען איצט דא זעהר ווייניגע מעמבערס אין אונזער יוניאן, וועלכע קענען ניט די דאזיגע רויטע חברה'ניקעס אין זייער גאנצער נידעריגקייט און העסליכקייט.

❦

מיר באגריסען אונזער יוניאן, אונזער אינטערנעשאנאל, פון גאנצען הארצען מיט דעם גרויסען אויפטו, וועלכער וועט וואס ווייטער ארויסווייזען זיך אלץ גרעסער, אלץ וויכטיגער דורך זיין איינפלוס אויף די ארבייטער אין זייערע שעפער. אוודאי הענגט אפ דער ווייטערער שיקזאל פון דעם אויפטו ביז צו א גרויסער מאס פון די ארבייטער גופא. זיי טארען ניט רערלאזען אויף איין מאמענט א צוריקקעהר צו די אמאליגע צושטענדע. דא פאסט זיך זעהר גוט דזשעפערסאנ'ס גרויסער ווארט: „אייביגע אויפמערקזאמקייט איז דער פרייז פון פרייהייט". פילע זיינען די שונאים פון די ארבייטער, וואס זוכען זיי איינצושלעפערען, אום דאס בעסער זיי צו בארויבען, און דערפאר מוזען די ארבייטער זיין איטער [illegible] זאך. באזונדערס נויטיג א[illegible] איצט, איידער די זאך האט זיך נא[illegible] איינגעשטעלט, ווען עס א[illegible] אלערליי תרעומות. די ארבייטער מוזען געדענקען דעם הויפט־ציל פון דעם איצטיגען אויפטו — די אפשאפונג פון דעם סוועט־שאפ, פון דעם נעסט פון דעם ערגסטען סארט סקעבעריי, און זיי וועלען מיט לייכטקייט אריבערטראגען אלערליי ליידען, און אומבאקוועמליכקייטען וואס זיינען אומפארמיידליך ביי אזא איבערבוי פון דער גאנצער אינדוסטריע. און מיר גלויבען, אז די גרויסע צאהל ארבייטער פארשטעהען עס, און וועלען אויפפאסען, אז דאס, וואס איז אויסגעטאן געווארען דורך דעם סטרייק, זאל האבען א קיום, און דאן וועלען אפילו די פארבליבענדסטע עקשנים איינזעהן, אז דאס וואס דער סטרייק האט אויסגעטאן, איז ווירקליך אן אמת'ע רעוואלוציע אין דער קלאוק־אינדוסטריע.

❦

מיר האבען ניט ברעה זיך אפצושטעלען אויף די מאטעריעלע געווינסטען פון דעם איצטיגען קאמף, ווי דאס איז, צום ביישפיל, דער שוין עטאבלירטער אנעמפלאימענט־אינשורענס־פאנד, די איינפיהרונג פון דעם סאניטארי יוניאן־לייבעל, ווי אויך די גאנצע מאשינעריע, און אויך די קומענדע אינטערזוכונג אין דער קלאוק־אינדוסטריע, געגען וואס די דזשאבערס און די מאנופעקטשורערס האבען זיך ביז איצט אזוי געווערט, און וואס וועט מוזען פיהרען דערצו, אז נאך אנדערע גרויסע יוניאן־פארערונגען זאלען בעווילינט ווערען דער יוניאן; עס איז ניט אויסגעשלאסען די מעגליכקייט, אז נאר אין א קורצע צייט זאלען מיר האבען אויסגעפיהרט די פארערונג פון א גאראנטירטער צייט פון ארבייט דורכ'ן יאהר. מעגליך אויך, אז די פארערונג פון א באגרענצטער צאהל קאנטראקטארס פאר יעדען דזשאבער זאל געפונען ווערען פאר דרינגליך־נויטיג, אויב די איצטיגע אראנדזשמענטס זאל ניט ארבייטען צופרידענשטעלענד. מיר האלטען ניט פאר נויטיג זיך אפצושטעלען אויף זיי, ווייל זיי זיינען דאך אזוי אויגענשיינליך; וואס מיר האלטען אבער יע פאר נויטיג אפצושטעלען זיך, איז אז עס עפענען זיך גאנץ נייע האריזאנטען פאר אונזערע בעלי מלאכות אין דער קלאוק־אינדוסטריע דורך דעם איצטיגען זיג. נאר מיט איין תנאי, אז די ארבייטער זאלען איצט מעהר, ווי ווען־עס־איז, זעהן האלטען שטארק און מעכטיג זייער איינציגע פעסטונג, די יוניאן. מעהר, ווי אלע מאל, מוזען זיי זעהן, אז די פארשיידענע קרינערייען איבער אלערליי נעכטיגע טעג, איבער נפשות, וואס זיינען ניט ווערט די מיסט פון דער יוניאן, זאלען אויפהערען. זיי מוזען זעהן צו זיין אמת'ע, געטרייע יוניאן־לייט, סיי אויף דעם יוניאן־מיטינג און סיי אין שאפ, און איבעראל, וואו זיי האבען נאר די געלעגענהייט. הויך און טייער מוזען זיי האלטען דעם כבוד פון דער יוניאן. זיי מוזען וויסען, אז יעדער איינער, וואס ווארפט שמוץ אויף דער יוניאן, איז איהר ביטערסטער שונא, כאטש ניט אויס דאס ער וויקעלט זיך איין אין א רויטען רעוואלוציאנערען מאנטעל. פון דער אנדער זייט מוזען זיי העלפען

דאָס אידעאַלע לעבען אין אונזער יוניטי־אימעניע אין פאָרעסט פּאַרק

א פריינד פון דער יוניטי האט מיר אויפמערקזאם געמאכט, דאס אין מיינע "יוניטי־איינדרוקען", אין פארינגען נומער "גערעכטיגקייט", ריידענדיג פון די פאר־שידענע קערפערליכע פארוויילונגען, האב איך אויסגעלאזען צוויי זאכען, וועלכע זיינען געווים ווערט דערמאנט צו ווערען, און כ'בין טאקע גרייט עס באלד צו טאן. איך האב, נעמליך, אויסגעלאז־ען "ראווינג" און די "באולינג עלי".

"ראווינג", דאס הייסט פארען אין א שיפעלע איבער די גלאטע וואסערען פון דעם וואונדער שעהנעם יוניטי־טייך, וואס איז ארומגערינגעלט פון א געדיכ־טען וואלד און ניט דעם אנבליק פון א וואונדער־שעהנע לאנדשאפט אַז א דיכער ראהם, איז ווירקליך איינע פון די שעהנסטע און בעסטע פארגעניגענס, וואס אונזערער א מענש קאן זיך פאר־גינען. אויף די שפיגעל־גלאטע וואסערען פון דעם באצויבערענדען יוניטי־טייך איז יעטצענדיג קיהל און לופטיג, אפילו אין די גאנץ הייסע טעג. מען זיך די זון ביגענען וויסיל זי וויל נאר, און ארונטער־שיקען איהרע פייערדיגע שטראהלען, — אויף דעם יוניטי־טייך האבען זיי ניט קיין שליטה! פון דעם געדיכטען וואלד ארום דעם יוניטי־טייך בלאזט אימער א פריש, א מחיה'דיג, א קערפער און נשמה ערהוויקענדיג ווינטעל, און איהר פיהלט אזוי אנגענעהם! דער וואלד־ווינטעל, וואס טראגט זיך איבער די וואסערן, כאפט אויף די הייסע זונען־שטראהלען, טונקט זיי אונטער אין די קיהלע וואסע־רען, און אנשטאט ברענען, לאסטשען זיי אייך... אנשטאט ברענען און שרפ'ען [illegible] דארמען, און שעפען אן נייע, פרישע כוחות, ווייטער צו שטרייטען אין דעם שווערען קאמף פאר'ן לעבען.

און איהר האט געדארפט זעהן, ווי מאיעסטעטיש שעהן עס זעהען אויס די שיפלאך מיט די יונגע לייט, וואס לאזען זיך אוועק אין די שיפלאך איבער דעם שעהנעם יוניטי־טייך! ווי זעהען אויס ווי אמת פריצישע קינדער! איהר וואלט אסור געגלויבט, אז דאס זיינען פראלע־טאריער־קינדער, אז דאס זיינען ווייסט־מאכער, דרעסמאכער, קלאוקמאכער און נאך אנדערע ארבייטער, וואס שטעהען אין קאמף געגען דעם סוועט־שאפ פון דער גארעל־אינדוסטריע!

אין מיטען פון דער שיפעל זיצט א פארברוינטער יונגער מאן, מיט פארקאַ־טשעטע ארבעל, און פיהרט מיט וויאָס־לעס דאס שיפעל איבער'ן וואסער. אנט־קעגען איהם זיצט א מיידעל און לייענט פאר איהם עפעס א בוך, אדער זי זינגט נאר עפעס א לידעל, און ער העלפט אונ־טער.

ניט ווייט פון דער שיפעל גליטשען זיך איבער די וואסערען נאך שיפלאך מיט פארלאך, בעסער געזאגט, מיט יוני־טי־פארלאך, דאס הייסט, מיט מענשען וואס אט האט מען זיך באקענט, און אט פאהרט מען שוין איבער'ן טייך אויף

איניגע איינדרוקען

פון ל. פינקעלשטיין.

א שיפעל און מען חנ'דעלט זיך איינע פאר די אנדערע. מען חנ'דעלט זיך גלאט אזוי, אחן א חשבון, אחן אויסרע־כענונג... מען האט זיך באקאנט, מען האט זיך באפריינדעט. מען עסט ביי איין טיש, מען רעדט און מען פאר־ברייננט צוזאמען, טו פארוואס אויך ניט פאהרען אויף איין שיפעל? פארט מען טאקע. און מען פארברייננט אין גוטער, פריילעכער געזעלשאפט.

די "באולינג עלי" איז שוין ניט אזוי פּאָעטיש, דערפאר אבער א זעהר געזונ־טער שפיל און אן אינטערעסאנטע צייט־פארטרייב. און ניט אין אבי וואכער'ן זומער־פלאץ וועט איהר געפינען א "באולינג עלי". עס פארנעהמט א גאנ־צע געביידע, און נאר די רייכסטע זומער־האטעלען פארגינען זיך עס צו האבען פאר זייערע געסט.

און איהר האט געדארפט זעהן מיט וואס'ער התמדה די יוניטאריער, מע־נער און פרויען, שפילען די ראזיגע "גיים". מען באלאנסירט די גרויסע באלס מיט גרויס פלייס, און ווען עס געלינגט צו מאכען א "סטרייק", אדער א "ספער"*), יענער, אדער יענע, איז אזש אין זיבעטען הימעל... אין דער "באו־לינג עלי" וועט איהר שטענדיג געפינען צוויי "טימס" שפילען, און איהר האט געמעגט זעהן, ווי פארשמייעט זיי זיינען עס אין דער שפיל. יעדען "טים" ארער צד, נעהם עס ממש אין לעבען, צו כאַבען א העכערען "סקאר" און ארוים־קומען די "טשעמפּיאָנס", די זיגער. ווי זאגט מען עס: אז שפילען, טו זאל עס זיין געשפילט! און די יוניטאריער זיי־נען אמת'ע ספארטס, אלץ ווערט גע־טאן מיט'ן גאנצען הארצען.

פארביינעהענדיג, וועט שוין אויך ניט שאדען צו דערמאנען, דאס די שאך־שפיל ווערט דארט אויך ניט פארנאכלע־סיגט. אויך דער שאך־ברעט איז כסדר פארנומען. די שאך־שפילער זיצען אויף דער לופטיגער ווערענדע, אין שאַ־טען פון געדיכטע צווייגען, וואס זיינען באהאנגען מיט ווייניטרויבען, און פילען אן די לופט מיט זייער פאר'שכור'ענדען זיס־זויערען ריח. די שפילער זיצען ביים שאך־ברעט פארטיעפט אין זייערע "קאמבינאציעס", און ארום דעם טיש פעהלען אויך ניט די "קיבעצער", וואס שטעלען געוויינטלאך, דעם הומאר ארום דעם שאך־ברעט.

אין קורצען, אין דער יוניטי־הויז פעלט קיין זאך ניט, און עס איז לעבעדיג און פריילאך אומעדום, וואו נאר דער יוניטי־עולם קומט זיך צונויף.

און איצטער א ווארט וועגן די נײַ־סטינע און אינטעלעקטועלע אונטערהאַ־לטונגען און פארוויילונגען, וואס פארנעה־מען אין יוניטי־לאנד א זעהר אנגעזע־העגעם אָרט, וואָס שפּילט אין דעם לע־בען פון די יוניטאריער ניט קיין קלענערע ראָליע, ווי די אנדערע אמוזירונגען.

אין דעם פרט, פארשטעהט זיך, קאן איך רעדען נאר פון דער קורצער צייט, וואס איך בין דארט געווען אויף מיין וואַ־קיישאן, — בלויז צוויי וואכען, וואס זיי־נען אוועקגעפלויגען, ווי צוויי טעג, ניט איבערלאזענדיג אפילו איין מינוט פאר לאנגווייליגקייט... ווי קאן מען זיך לאנג־ווײַלען, ווען דאס לעבען דארט פליסט אזוי רעשיג? ווען מען איז כסדר פאר־נומען מיט עפעס וויכטיגעס און אינטע־רעסאנטעס? אין דער יוניטי־הויז ווייס מען דאריבער ניט, וואס עס מיינט לאנג־ווײַליגקייט, די ערגסטע קללה פון אלע געוויינליכע זומער־פּלעצער, וואס מאַ־טערט אוים זייערע געסט...

אין די צוויי וואכען צייט, וואס איך בין דארט געווען, האבען מיר געהאט דריי העכסט אינטערעסאנטע און באלע־רענדע לעקטשורס, א דריי־פיר ליטערא־רישע פריהמארגענס אין דעם וואונדער־שעהנעם "פיין גראָוו", אין מיטען וואלד, אונטער די הויכע פיין־בוימער, וועלכע שטעהען מיט אזא שטאלץ און שאקלען זיך צום טאקט פון ניגון פון די ליטערא־רישע פארלעזער...

יע, די לעקטשורס און ליטעראַרישע פארלעזונגען און דעקלאמאציעס ווערען געגעבען אונטער'ן פרייען יוניטי־הימעל.

אין דעם וואלד, ניט ווייט פון דעם יוניטי־טייך, אונטער שטאלצע, הויכע פיין־בוימער, איז אויפגעשטעלט געווא־רען א פלאטפארם, עס זיינען אויסגע־שטעלט געווארען לאנגע בענק, און אין באצויבערענדען פלאץ, וואו עס איז קיהל און לופטיג אפילו אין דער גרויסער היץ פון זומער, פארקלייבען זיך די יוניטא־ריער צו הערען די לעקטשורס, די ליטע־ראַרישע פארלעזונגען און פאָעטישע דע־קלאמאציעס. עס פארקלייבען זיך דארט ארום פיר הונדערט מענשען און הערען זיך צו מיט גרויס אויפמערקזאמקייט. נאך די לעקטשורס ווערען געשטעלט פרא־גען, און אָפט קומט אויך פאָר אן אינטע־רעסאנטע דיסקוסיע. און די לעקטשורס און ליטעראַרישע פארלעזונגען אין דער יוניטי זיינען דאס רוב א קוואל פון באַ־גייסטערונג פאר די לעקטשורער, די פארלעזער און דעקלאמאטארס, אזוי גוט ווי פאר די צוהערער.

אָט איז א צעטעל פון די גייסטיגע, פון די באלערענדע אונטערהאַלטונגען אין א משך פון בלויז צוויי וואכען.

איין פריהמארגען — דיזע אונטער־האַלטונגען קומען אימער פאָר פאר מי־טאג, צווישען האלב נאך 10 און האלב נאך 12 — האָט גערעדט דער באוואוס־טער לעקטשורער, פראפעסאר סקאט ני־רינג. ער האָט גערעדט וועגען דעם עקאָ־נאָמישען צושטאנד אין דייטשלאנד.

א צווייטען פריהמארגען האָט געלעק־טשורט דער באוואוסטער אידישער לי־טעראטור־קריטיקער ש. ניגער. ער האָט גערעדט איבער דער טעמא: "וואס מיר באקומען פון די ביכער". ער האָט אנ־געוויזען, וואס דער לעזער באקומט, ווען ער לייענט א ליטעראריש ווערק און וואָס ער באקומט, ווען ער לייענט א שונד־ווערק, און דער גרויסער עולם האט אמת הנאה געהאט פון טיעפען אנאליז, וואס ער האָט געגעבען איבער דעם געגענ־שטאנד.

אויף צו מאָרגענס האָט ש. ניגער גע־געבען א צווייטע לעקציע איבער: "די ווירקונג פון דער רעוואָלוציע אויף דער ליטעראטור". און מיט ביידע לעקציעס האָט ער באמת געהאלטען דעם עולם גע־שפּאנט. ער האָט פארשאפט דעם עולם אן אינטעלעקטועלען פארגעניגען, און דער עולם האָט איהם הארציג באדאנקט מיט ווארימע אפּלאָדיסמענטען.

אין דער זעלבער צייט, ווי שוין פריי־הער באמערקט, זיינען אויך פארגעקומען איינינע ליטעראַרישע פרימאָרגענס, אויף וועלכע די שריפטשטעלער און דיכ־טער, וואס זיינען דארט געווען פאר זייער וואקיישאן, האָבען פארגעלעזען איינינע פון זייערע בעסטע שאפונגען.

אָט איז די פראגראם פון צוויי אזעל־כע ליטעראַרישע פרימאָרגענס.

ערשטער פרימאָרגען: דער שריי־בער פון די שורות, זייענדיג דער טשער־מאַן, האָט געעפענט די פארזאמלונג מיט א קורצער רעדע, פארשטעלענדיג די שרייבער און דיכטער, די קרעפטען פון דעם פרימאָרגען.

ש. דייקסעל, איינער פון די יונגע סקיצען־שרייבער, וואס שרייבט אויך ווערק אין דראמאטישער פאָרם, האָט פארגעלעזען פון זיין בוך "אזיאטישע ער־צעהלונגען", וואס איז ניט לאנג ערשי־נען פון דרוק.

די אידישע פּאָעטען יצחק יאַנסאָן און הלמן איזער האבען פארגעלעזען איני־גע פון זייערע דיכטונגען.

דער אידישער קריטיקער ב. וויינער האט רעקלאמירט א פאר לידער פון די יונגע אידישע דיכטער.

ווי איהר זעהט, אזא, איז עס געווען גאר א פיינע פראגראם, און דער עולם האט עס אויפגענומען מיט ניט ווייניג ענטוזיאזם.

ניט ווייניגער געראטען איז אויך געווען דער צווייטער ליטעראַרישער פרי־מאָרגען, וואס איז באשטאנען מיינסטענס פון אן אנדער פערסאנאַל.

אין ערשטען טייל פון פראגראם האט זיך באטייליגט דער זעלבער טשערמאן, און ש. דייקסעל האט נאך אמאל פארגע־לעזען פון זיינע "אזיאטישע" ערצעהלונ־גען.

דאן האט דער יונגער דיכטער ה. ווינאגראד פארגעלעזען איינינע פון זיינע לידער.

יענעם פרימאָרגען זיינען געווען צוויי סורפרייזען. ערשטענס, דער באוואוס־טער אידישער שריפטשטעלער און דראַ־מאטורג דוד פינסקי, האט פארגעלעזען א פאָר פון זיינע קירצערע זאכען, און דער עולם האט איהם באזונדערס ווארים אויפגענומען.

דער צווייטער סורפּריז איז געווען "אסתר'קע", א יונגע מיידעל, א קינד פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע איז נאך ניט לאנג אין אמעריקא. זי האט רעקלאמירט אין רוסיש איינינע רעוואָלו־ציאָנערע לידער, און זי האט עס געטאָן מיט אזא הייליגע באגייסטערונג און מיט אזא אמת רעוואָלוציאָנערען פייער, וואס האָט אלעמען מיטגעריסען, וואס האָט אויף א מאָמענט אין דער פאנטאזיע אױפ־געוועקט די אוועקגעטראָגענע אויף די באריקאַדען.

איך פארשפּאָר אייך צו דערצעהלען, אז זי איז באגריסט געווארען פון די יוני־טאריער מיט פיעל ענטוזיאזם, מיט לאנג־דויערענדע אפּלאָדיסמענטען.

און אזוי, ווי איהר זעהט, געהט עס צו דארטען אין דער יוניטי־אימעניע פון אונזערע ווייסט און דרעסמאכער. די גייסטיגע און אינטעלעקטועלע פארוויי־לונגען מישען זיך צונויף מיט די אנדערע אמוזירונגען, און אלץ צוזאמען מאַכט עס דאס הארמאָנישע, אידעאַלע לעבען אין אונזער יוניטי־אימעניע אין פארעסט פּאַרק, אויף די "בלויע" בערג פון פענ־סילווייניא.

עס דארף נאך דא אויך דערמאָנט ווע־רען איין באזונדערס רייכער קאָנצערט, וואס איז פארגעקומען איין פרייטאג ביי־נאַכט, וואס איך בין דארט געווען. דאס איז פארגעקומען אין דעם שעהנעם יוניטי טאַנץ זאל. דאָס איז געווען א פראָג־ראם פון ערשטער קלאסע מוזיק און העכסט טאלאנטירטע דעקלאמאציע.

אין דער מוזיקאלישער פראגראם האָ־בען זיך אויסגעצייכנעט מיט סיידי בעקי־לער, די באליבטע פּיאַניסטקע פון יוניטי, מיט איינינע פּיאַנאָ דעסייסעלס. באַ־זונדערס שעהן האָט זי געשפּילט די צי־גיינער־ווייזען.

ב. וויינער האָט זיך אויסגעצייכנעט מיט'ן שפּילען פון רוסישע לידער אויף דער באלאלייקע, און מאדאם סאנדבערג האָט זיך נאָר באזונדערס אויסגעצייי־כענט מיט איהר שעהנעם זינגען. זי האָט א גאנץ ערעלע סאָפּראַנאָ־שטימע, און זינגט זעהר הארציג.

א גרויסען פּוראָר יענעם אוונט האָט געמאכט דער באגאבטער אידישער אַק־טיאָר גרשן רובין. ער האָט רעקלאמירט פרונ'ס "די פאפירענע בריק" מיט אזוי פיעל דראַמאַטישען טאַלאַנט, דאָס דער עולם איז געווארען ווילד פון באגייסטע־רונג.

ווי אזוי די אלע קינסטלער זיינען אויפגענומען געווארען פון די יוניטאריער קאָנט איהר זיך אליין אנשטויסען. מען האָט פשוט קיינעם פון זיי ניט געוואָלט ארונטערלאזען פון דער ביהנע. מען האָט זיי פיעלע מאָל ארויסגערופען און זיי האָבען געמוזט געבען נאך און נאך.

---

*) א "סטרייק" אין דער "גיים" מיינט, ווען מען ווארפט א באל און ער ווארפט אום אלע פלעקלאך מיט איין מאל. א "ספער" מיינט ווען מען ווארפט אום אלע פלעקלאך אין צוויי מאל, איינס נאכ'ן אנדערען.

פראנקרייך זאל צוריקציען איהרע סאלדאטען פון דער רוהר־געגענד אין א יאהר ארום. אבער פון וואשינגטאן ביז ערפּילען איז א היבשער מהלך. איבערהויפט צווישען דיפלאמאטען. דערפאר דארף מען זיך ניט צו־איילען מיט דער פייערונג פון דער גרויסער פאסירונג.

הערצל'ס זון. דער זוהן פון דעם באריהמטען ציוניסט טעאדאר הערצל, האט זיך געשמד'ט, און איז געווארען א קאטאליק. איך האב פיינט א משומד. ווייל איך גלויב ניט, אז איינער א משומד טוט עס אויס איבערצייגונג. אין די מעהרסטע פעלע ווערט דער משומד באוועגט אויס גאנץ געמיינע פערזענליכע מאטיוען. אויף הערצל'ס זוהן געפין איך אבער א זכות. עס איז איהם געווען שווער צו בלייבען זיין גאנצען לעבען בלויז דער זוהן פון א גרויסען טאטע. פאר איינעם, וואס וויל לעבען זיין אייגענעם לע־בען, איז ווירקליך דער נאמען פון א גרויסען טאטען א שטארקע שטערונג. עס זיינען געוועהנ־ליך די נארנישטען, די כאראקטערלאזע, וואס האלטען זיך אין איין באריהמטען מיט זייער יחוס... פאר די ציוניסטען אבער פון דער רעזשינער שמד זיין א שטארקער קלאפ. גראדע מיט א פאר טעג פאר דעם פייערען פון דעם צוואנציגסטען יאהר־צייט פון זייער פארשטארבענעם פיהרער. נעהמט זיין זוהן און שמד'ט זיך.

איך פיהל ווי אויספיהרליכען מיין פּיעטעט צו זיין; אבער די האנדלונג פון הערצל'ס זוהן פארשטעה איך אויך. איבערהויפט, ווען הערצל'ס קינדער זיינען קיינמאל קיין ציוניסטען ניט גע־ווען. וואס דעם איז געווען גערוס די גרויסע טראגעדיע אין דעם לעבען פון טעאדאר הערצל, דעם גרויסען פיהרער פון א אידיש לאנד אין פאלעסטינא.

עס איז ווירקליך א דערפרעהליכע שטיקעל נייעס, וואס ענדליך האט דייטשלאנד, ריכטינגער, די דייטשע רעגירונג, איינגעוויליגט צו שיקען א הונדערט קינדער נאך פראנקרייך. די ראזיגע האנדלונג באווייזט בעסער, ווי אלע אפמאכען, אז דער געפיהל פון האס און נקמה מאכט פלאץ פאר דעם געפיהל פון פריינדשאפט צווישען די ביידע גרויסע נאציאנען. מיט א צייט צוריק האט די דייטשע רעגירונג זיך ארומגעטראגען מיט דעם פלאן, האט אבער פוינקארע ניט געוואלט. ער האט דאך אימער געשטרעבט צו פארשטארקען אלץ מעהר דעם געפיהל פון האס צווישען די ביידע פעלקער. מיט זיין פאלה, און ווען העריא איז געווארען פריים־מיניסטער, איז פוינקארע'ס ארביים בטל געווארען. און העריא האט געלאזט וויסען דער דייטשער רעגירונג, אז די דייטשע קינדער זיינען ווילקאמען אין פראנקרייך. דאן האט ווידער דער דייטשער אייננערליכען מיניס־טער, א רעאקציאנער פון ערגסטען סארט, פאר־בא̇טען צו שיקען די דייטשע קינדער נאך פראנק־רייך. האט אבער די ליבעראלע פרעסע אויסגע־הויבען א געוואלד וועגען דעם. באזונדערס איז געגען דעם ארויסגעטראטען דער בערלינער "פאר־ווערטס". און דער מיניסטער האט געמוזט נאכ־געבען דעם אלגעמיינעם פארלאנג. איצט זיינען פילע דייטשע קינדער שוין אין פראנקרייך, וואו זיי וועלען לערנען צו פארגעסען די שנאה, וואס זיי האבען איינגעזויגען מיט די מילך פון זייערע מאמעס. די ראזיגע שטיקעל נייעס, מיין איד, איז א זעהר ערפרעהליכע, ווען מען באטראכט זיך, אז עס איז נאך גאר ניט לאנג צוריק, ווען אין דייטשלאנד האט איינער וואס האט אויסגע־זעהן ווי א פראנצויז, ניט געקאנט קריגען קיין משהלצייט אין א רעסטאראן, און דאסזעלבע איז פארגעקומען אין פראנקרייך.

עקסקורשאָן איבער'ן האָד־סאָן דעם 7טען סעפּטעמבער

דער סטודענטס קאונסיל פון די אינ־טערנעישאָנאל קלאסען פון ארבייטער אוני־ווערזיטעט און יוניטי סענטערס ארראנ־זשירט אן עקסקורשאָן, אויף דער פריי־וואָטיאכט "אננא". פאר זונטאג דעם 7טען סעפּטעמבער.

די יאכט נעהמט ארויף בלויז 100 פּערזאָן און די וואס ווילען זיין פון די הונדערט גליקליכע דארפען זיך גלייך אפ־רופען. א טיקעט קאסט $1.50. זיך צו ווענדען אין אינטערנעישאָנאל עדיוקיישאַ־נאל דעפּארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט, ניו יארק.

זיים פון די ערשטע זיך איינצושאפען א טיקעט.

א לאטע אויף א לאטע

פון א. זעלדין.

הכלל, די וועלט איז שוין געראטעוועט.

די לאנדאנער קאנפערענץ האט מיט מזל אין גאנצן אנגענומען דעם דאוס עקספערטען־פלאן ווי צו סטאביליזירען די דייטשע פינאנצען, און דער פראטאקאל איז שוין אונטערגעשריבען. פרעמיער העריא פון פראנקרייך און קאנצלער מארקס פון דייטשלאנד האבען „געשייקט הענדס" און פרעמיער מעקדאנאלד פון ענגלאנד האט ערקלערט, אז מיט דעם נייעם אגרימענט פאנגט זיך אן „א נייער מארגען" פאר דער וועלט.

וואס קען מען, דאכט זיך, נאך פארלאנגען?

דייטשלאנד ווערט דאך צוריק אריינגענומען אין דער עקאנאמישער סיסטעם פון אייראפא. זי ווערט געהאלפען און מיט איהר ווערט געהאלפען ווערען די גאנצע וועלט. די ענגלישע ארבייטסלאזיגקייט וועט פיל פארקלענערט ווערען, נארמאלע באציהונגען צווישען די פארשיידענע לענדער וועלען איינגעשטעלט ווערען, און דער עיקר — עס ווערט אפגעשאפט דער שרעקליכער געשפענסט וואס האט אזוי לאנג געדראהעט דעם פרידען פון דער וועלט — די פראגע פון רעפעראציעס.

איז דאס ניט א זאך, וואס דארף גראטולירט ווערען פון אלע די, וואס וואלטען וועלען שלום ושלוה אויף דער וועלט?

אבער דאס איז נאר אזוי וויט אויף וויפיל עס אנבאלאנגט די אפיציעלע פראפאגאנדע, וועגען דער קאנפערענץ און פון דער קאנפערענץ. דאס איז, אין אנדערע ווערטער, דער אויסרייד, אויף וועלכען די קאנפערענץ איז צוזאמענגערופען געווארען און די מיינונג, אויפריכטיג אדער ניט, פון די, וואס האבען אין דער קאנפערענץ אנטייל גענומען. עס איז אן אלטע מענשליכע שוואכקייט, זעהט אויס, פאר יעדען איינעם, צי ער באלאנגט צום קאפיטאליסטישען לאגער, אדער אין אן אנדער לאגער, צו איבערשאצען דעם ווערט פון זיינע אייגענע מעשים. מיר מעגען דעריבער איבערלאזען די שעהנע דרשות פון די קאפיטאליסטישע פרעמיערען פון ענגלאנד און פראנקרייך פאר די צוקונפטיגע דורות, וועלכע, ווי עס איז באוואוסט, קענען אלץ פארדייען, און אליין זיך באשעפטיגען מיט דעם אמת'ען אויפטו פון דער לאנדאנער קאנפערענץ און אויף ווי וויט ער בארעכטיגט די שעהן־קלינגענדיגע פרעטענזיעס פון די קאפיטאליסטישע פרעמיערען.

אלזא, וואס האט די לאנדאנער קאנפערענץ אויפגעטאן? וואס האט זי מחדש געווען?

אויפגעטאן האט זי אויף אזוי פיל, וואס זי האט געשאפען א געלעגענהייט פאר אמעריקאנער און אנדערע אינטערנאציאנאלע באנקירען אריינצונעמען אין זייערע לאפעס די דייטשע באהנען און די דייטשע אינדוסטריען און מחדש געווען האט זי גארניט. ווארים אין דער אמת'ן האט די לאנדאנער קאנפערענץ געשאפען פאר דייטשלאנד דיזעלבע סיסטעם, וואס איז פריהער איינגעפיהרט געווארען פאר עסטרייך, דאס הייסט א סיסטעם פון פרעמדער פארוואלטונג פון די פינאנצען און אינדוסטריען אין לאנד.

וואס אנבאלאנגט ווידער די רעפעראציעס זיינען זיי געבליבען פונקט אזוי אומבאשטימט, ווי זיי זיינען געווען ביז איצט. די פראגע איז ווייט ניט געלייזט געווארען. עס וועלען נאך געוויס פארקומען שטארקע רייבונגען וועגען דעם, הויפטזעכליך צווישען פראנקרייך און דייטשלאנד, אין דער צוקונפט. די מלחמה געפאהר איז ווייט ניט פארביי. עס זיינען ניטא קיין גאראנטיען, אז דייטשלאנד וועט קענען באצאהלען די שווינדעליגע חובות, וואס די ווערסאלער טריטי האט אויף איהר ארויפגעלייגט און עס זיינען אויך ניטא קיינע גאראנטיען, אז פראנקרייך זאל אין דער צוקונפט ווידער ניט פארכאפען דייטשע טעריטאריע אלס סאנקציעס. דער איינציגער אויפטו פון דער קאנפערענץ איז די סיסטעם פון ארביטריישאן, וואס זי האט איינגעפיהרט אין פאל פון נייע סכסוכים און אזעלכע סכסוכים וועלען זיין אומפארמיידליך צווישען פראנקרייך און דייטשלאנד וועגען די פארשיידענע זאכען וואס דייטשלאנד איז מחויב צוצושטעלען פראנקרייך אויף דעם חשבון פון די חובות. דאס מיינט, אז פראנקרייך וועט שוין אליין ניט קענען באשטימען ווען דייטשלאנד האט ניט געהאלטען דעם אפמאך און ווען זי איז בארעכטיגט צו נעמען נייע סאנקציעס. די פראגע וועט דארפען פריהער ארביטרירט ווערען פאר אן אומפארטייאישער קאמיטע, מיט אן אמעריקאנער בירגער אלס פארזיצער. דאס דארף מיינען, אז אנדערע מענשען, חוץ פראנצויזען, וועלען אויך האבען א דעה אין דער פראגע.

אבער קיינער קען ניט גאראנטירען, אז די סיסטעם וועט ארבייטען, קיינער קען ניט גאראנטירען, אז די איצטיגע פראנצויזישע רעגירונג, אדער אן אנדער ליבעראלע רעגירונג וועט זיין אין מאכט אין צוויי יאהר ארום, ווען דער נייער קאמפליצירטער אפאראט וועט דארפען אנהויבען ארבייטען. אין צוויי יאהר ארום קען אין ענגלאנד זיין אן אנדער רעגירונג, און ניט קיין ארבייטער רעגירונג, און אין פראנקרייך — א רעגירונג פון דעם רעכטען בלאק, אנשטאט דעם לינקען, און דאן זיינען די אויסזיכטען גאר ניט אזעלכע גלענצענדע, אז יענע רעגירונגען זאלען וועלען אזוי שטארק צו קאאפערירען, ווי די איצטיגע.

דאס איינציגע קאנקרעטע בלייבט, אלזא, די הלואה.

לויט דעם דאוס פלאן, וואס איז איינגענטליך אויסגעארבייט געווארען פון די אינטערנאציאנאלע באנקירען, דארף דייטשלאנד קריגען א הלואה פון צוויי הונדערט מיליאן דאלאר, ערשטענס, אויף צו באצאהלען אלע איהרע חובות וואס זי איז געבליבען שולדיג ביז איצט פראנקרייך און די איבעריגע עליים; און צווייטענס, אויף צו סטאביליזירען דעם דייטשען מארק.

די באנקירען האבען אבער ניט געוואלט געבען קיין הלואה צו דייטשלאנד וואס זאל ניט זיין גוט פארזיכערט. זיי האבען דעריבער געפאדערט אז דייטשלאנד זאל אלס פארזיכערונג געבען, ערשטענס, איהרע באהנען, און, צווייטענס, איהרע אינדוסטריען. די באנקירען וועלען דאן ארויסלאזען וועקסלען אויף דעם סכך פון אט די פארזיכערונגען און וועלען זיי נאכהער פארקויפען צו די וואס זוכען אריינלייגען געלט אין גוטע עסקים. באנקירען, ווי עס איז באקאנט, לייהען זעהר זעלטען זייער אייגענע געלט, זיי האנדלען געוועהנליך מיט פרעמדע געלט.

לויט דעמזעלבען פלאן דארף ערקלערט ווערען א מאראטאריום אויף צוויי יאהר כדי דייטשלאנד זאל קריגען די געלעגענהייט פאנאנדערפיהרען די הענט און אנהויבען ארבייטען און שפארען געלט אויף צו צאהלען די חובות.

אויף אזוי ווייט האבען אלע איינגעשטימט.

די הויפט שוועריגקייט איז אבער געווען, וואס וועט זיין אין צוויי יאהר ארום? וואס וועט זיין, ווען דייטשלאנד וועט אין צוויי יאהר ארום, ווען דער מאראטאריום וועט זיך ענדיגען, ניט קענען נאכקומען די פאדערונגען פון דער ווערסאלער טריטי? זאל פראנקרייך דאן אויך האבען א רעכט אריין און פארנעמען דעם רוהר? אויב יא, האבען די באנקירען געזאגט, אז זיי ווילען ניט געבען קיין געלד. זיי זיינען געווען גערעכט אויך, ווארום די דייטשע באהנען און די דייטשע אינדוסטריען אהן דעם רוהר האבען גאר קיין ווערט ניט. דער רוהר, ווי עס איז באקאנט, איז דאס הארץ פון דער דייטשער אינדוסטריע. שניידט אויס דאס הארץ און דער קערפער איז טויט.

אט וועגען דער פראגע האט זיך די קאנפערענץ געקאמפערט די גאנצע צייט. די פראנצויזען זיינען געווען וויליג אפצולייזען פון דעם רוהר, אבער גלייכצייטיג האבען זיי פארלאנגט גאראנטיען אז דייטשלאנד וועט אין דער צוקונפט, דאס הייסט נאך די צוויי יאהר, צאהלען אלץ וואס עס קומט פון איהר לויט דער ווערסאלער טריטי. קיינער, פארשטעהט זיך, האט דאס ניט געקענט גאראנטירען, ווייל קיינער קען ניט גאראנטירען דאס אוממעגליכע.

עס איז איצט כמעט א פאראויסבאשטימטע זאך, אז דייטשלאנד וועט אין צוויי יאהר ארום, אדער אין פינף, צי אין צעהן יאהר ארום, ניט קענען נאכקומען אלע פארפליכטונגען, וואס די טריטי האט אויף איהר ארויפגעלייגט, סיידען דאס גאנצע דייטשע פאלק זאל וויליג זיין דורות לאנג שקלאפען פאר די עליים, א זאך וואס מען קען זעהר ווייניג ערווארטען. אויב אפילו די דייטשע רעגירונג, אדער איצט הערשענדער קלאס זאל דאס וועלען, וועט דאס פאלק זיכער דאס ניט קענען דולדען. די פראגע איז דעריבער געווען ניט קיין אקאדעמישע, נאר אן עקטועלע: וואס וועט טאקע זיין, ווען דייטשלאנד וועט אויפהערען צאהלען?

זאל דאן פראנקרייך ווידער האבען דאס רעכט צו פארנעהמען דעם רוהר, ווי זי האט עס געטאן מיט קנאפע צוויי יאהר צוריק? אבער דאס האבען די ענגלענדער ניט געוואלט. די ענגלענדער זיינען שרוים פון דעם שטאנדפונקט, אז פראנקרייך האט דאס ערשטע מאל אויך דאס געטאן אומגעזעצליך.

פארקעהרט, זאל פראנקרייך אויפגעבען איהר רעכט, וואס עס זאל ניט זיין, ווידער צו פארנעמען סאנקציעס, האבען די פראנצויזען ניט געוואלט, די פראנצויזען פון דעם לינקען בלאק.

דער סוף איז געווען, אז מען האט זיך אזוי לאנג געקאמפערט, ביז מען האט אויסגעארבייט די קאמפליצירטע סיסטעם פון ארביטריישאן. אין אנדערע ווערטער — מען האט זיך געאייניגט אויף א פארמולא, וואס שטעלט אלעמען צופרידען און קיינעם ניט. פראנקרייך האט פאר זיך געלאזען דאס רעכט צו פארנעמען סאנקציעס און ענגלאנד האט זיך געלאזען דאס רעכט צו שטערען. דאס הייסט, אלץ איז געבליבען ביים אלטען אויף ווי ווייט עס אנבאלאנגט דער וויכטיגסטע פראגע פון אלע — די פראגע וועגען די רעפעראציעס.

דעם גרעסטען בענעפיט פון דעם פלאן וועלען, פארשטעהט זיך, האבען די באנקירען. זיי וועלען פארשפרייטען די הלואה, וועלען קריגען זייער קאמישאן און חוץ דעם וועלען זיי ווערען די בעל־באטים איבער די דייטשע באהנען און די וויכטיגסטע דייטשע אינדוסטריען.

פאר'ן דייטשען פאלק איז דער געווינס זעהר א צווייפעלהאפטער. די דייטשע ארבייטער וועלען געוויס דארפען ארבייטען זעהר שווער און ביטער כדי צו מאכען אז די באהנען און די אינדוסטריען זאלען זיך באצאהלען פאר די פרעמדע פארוואלטער.

וואס אנבאלאנגט ווידער די אינטערעסען פון דער מענשהייט בכלל, אויף וויפיל זי איז פאראינטערעסירט אין דער פראגע פון פרידען און נארמאלע באציהונגען צווישען די פעלקער, איז דער דאוס פלאן ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי א לאטע אויף א לאטע.

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

איך ערווארט, אז דער לעזער וועט מיר ניט גלויבען, ווען איך וועל איהם פארזיכערען, אז איך האב איבערגעלייענט ביידע „פלאטפארמס" פון אונזערע צוויי קאפיטאליסטישע פרעזידענט־קאנדידאטען פון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער. איז דער חי"א, ווי האט עס א מענש אזא אייזערנע געדולד? איז דער תירוץ: ביינערנקייט. איך האב געדארפט געפונען עטוואס כמישות'דיגעס אין די ערשטע פאראגראפען פון זייערע פלאטפארמס, האב איך געטראכט: באלד, באלד וועט קומען דאס פעטע געריכטע, און האב געלייענט ווייטער. און אזוי האב איך איבערגעלייענט ביידע פלאטפארמס. און דאן ערשט, האב איך אויסגעפונען, אז מיין גאנצע ארבייט איז געווען ארויסגעווארפען. עס איז געווען רא עפעס. אין, אפטער, מילעס. וואס אונטערשיידט דייוויס'ען פון קולידזש'ען: אבער הצד השוה שבהם איז דער, וואס זיי קענען ביידע רעדען שטונדען לאנג, און לגמרי גארניט זאגען. און דאס, ברידער, דארף מען קענען. באזונדערס איז די קונסט פון גארניט זאגען וויכטיג פאר אונזערע פאליטישענס.

*

איך געדענק ניט די צייט — און איך האב דאך שוין דורכגעמאכט א היבשע ביסעל פאליטישע קאמפיינס — ווען די א. פ. און ל. האט זיך אריינגעווארפען מיט אזא ברען, ווי אין דעם הייאהריגען קאמפיין פאר די ערוועהלונג פון לאפאלעט. די ערקלערונג פאר דעם איז פון איבען אויף: ביז איצט האט די א. פ. און ל. געקאמפיינט, אבער איהר הארץ איז ניט געווען אין דעם. איצט קעמפט זי, ווייל דער קאמפיין האט אנגערירט איהר הארץ, איהר נשמה.

מה איז זוס שטיונס. ווי די לאפאלעט־באוועגונג האלט אין איין ענטוישען אונזערע צייטונגען. פאריגע וואך זיינען זיי געווען פול מיט די העכסט־ערפרעהענדע נייעס, אז עס בורעט זיך אין דעם לאפאלעטישען לאגער, און דאס ביי דעם מיטינג אין אלבאני, וואו די גאנצע קאמפיין־מאשינעריע דארף אויסגעבויט ווערען, וועט אויסברעכען דער גרויסער שטורעם, וואס וועט צושמעטערען די גאנצע לאפאלעט־חברותא אויף שטיקער. צום סוף האט פאסירט פונקט דאס פארקערטע. דער מיטינג איז אוועק ווי אויף רעדלאך, אהן דעם מינדעסטען „היטש". עס איז ניט געווען קיין סמן פון קיין שפאלטונג, אויף וואס די ערסטע־קלאס־שרייבער און די רעפארטערס האבען געווארט מיט אזא אונגעדולד. עטוואס אבער פון זייערע נביאות איז יא מקוים געווארען. א שטורעם איז יא געווען, אבער עס איז געקומען דורך הילקוויט'ס א רעדע. דער שטורעם איז געווען אזוי גרויס, אז שיער האט ער דעם דאך פון דער געבוידע ניט ארונטערגעטראגען. דער לעצטער אויסדרוק איז ניט מיינער, נאר פון דער „טיימס", וועלכע האט געוויס קיין גרונד ניט צו איבערטרייבען ווען עס האנדעלט זיך וועגען הילקוויט'ס א רעדע.

איהר ווייסט דאס מסתמא וויסען, וואס האט הילקוויט אזוינס געזאגט? וועל איבערגעבען די גאנצע רעדע קען איך דא ניט. א פאר ווערטער וועגען די קאנדידאטען פון די צוויי קאפיטאליסטישע פארטייען וועלען מוזען זיין גענוג. „דייוויס — האט הילקוויט געזאגט — האט געמאכט עהרליכקייט פאר דער אישו. זאגט מיר, דייוויס: לאמיר זיין עהרליך. ער האט ענטדעקט די גאנצע פונדאמענטאליטעט פון עהרליכקייט און האט עס געמאכט פאר זיין פלאטפארם. אלעס, וואס ער מיינט איז, דאס א קאבינעט־מיניסטער טאר נים ג ע כ א פ ט ווערען אין נעסען עטוואס, וואס זאל זיין עהרליך צו באבאר, און עס מעגען ניט זיין קיין אפענע גניבות. דאן קומט מר. קולידזש און זאגט, אז עהרליכקייט איז נים די פראגע. לאמיר זיין עהרליך, אויב מעגליך, אבער איבער אלעם לאמיר האבען שכל, און דער שכל, פון וועלכען מר. קולידזש רעדט, איז אזוי פראסט (קאממאן), אז ער איז אין גאנצען דינלאזי".

צווישען די קאמיטעס, וואס ווילען פיהרען דעם לאפאלעט־קאמפיין אין ניו יארק סטייט געפין איך נעמען וועלכע זיינען מיר ציעמליך גוט באקאנט: י. פיינבערג און נינסא פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט װאירקערס יוניאן; מאריס הילקוויט, וועגען וועמען מען קען זאגען, אז אויך ער געהערט צו דער אינטערנעשאנאל־משפחה. איך געפין אויך דארט צווישען די עלעקטארס דעם נאמען סידני הילמאן פון דער „אמאלגאמייטער". וואס טוט מיר באמת הנאה: עס טוט מיר נאר לייד, וואס די „אמאלגאמייטער" איז נים פארטראטען אין די קאמיטעס מיט נאר א פאר סימנאלירער. די סאציאליסטישע פארטיי איז באזונדערס גוט פארטראטען, אזוי דאס דער איינדרוק איז, דאס דער קאמפיין איז באמת א סאציאליסטישער. נאר ער זעהט אויס עטוואס אן אנדער פלאן. איז מה רעש?

דער פראנצויזישער סאציאליסטישער פריים־מיניסטער, העריא, איז מיט א צייט צוריק געווען אין אמעריקא, און מערקווירדיג אויף איהם האט אמעריקא געמאכט דוקא א זעהר גוטען איינדרוק. אמעריקא איז פאר איהם דאס לאנד פון פרייהייט. מעהר נאך, לויט זיין איינדרוק איז אמעריקא „דאס לאנד פון פרייען לעבען, פון נאטירליכען לעבען". איך געהער אויך ניט צו די, וואס זעהען נאר בייזעס אין אמעריקא. פארקערט. איך זעה אין איהר מעהר גוטעס ווי שלעכטעס, אבער, מיר דאכט זיך, אז צו זאגען, אז אמעריקא איז דאס לאנד פון פריי לעבען, פון א נאטירליכען לעבען, איז נאר שטארק גוזמא'דיג.

עס איז אוממעגליך צו רעדען פון א פרייען נאטירליכען לעבען אין אמעריקא, ווען עס שטעקט אייך אין די אויגען דער פאקט, אז אין משך פון עטליכע יאהר פארגעסט אמעריקא דעם אויבען אין דער וועלט: ווען מען ווייס, אז די מעהרסטע און די בעסטע פארצווייפעלטע פארברעכער זיינען מענשען, וואס זיינען נאך קיין 20 יאהר ניט אלט. קינדער, ערצויגען אלס פרייע מענשען און וועלכע מען לאזט פיהרען א נאטירליכען לעבען, קענען קיינמאל, קיינמאל קיין פארברעכער נים ווערען. און איינער דארף האבען אין זינען, אז אין אמעריקא ווערען באגאנגען יעהרליך צעהן טויזענט מארד־פארברעכען. און ער וועט מוזען צוגעבען, אז פריים־מיניסטער העריא האט נאר געזעהן איין זייט פון דעם מעדאל... אמעריקא קען זיין, אפשר, זיין דאס לאנד פון פרייע און נאטירליכען לעבען. דערווייל איז זי אבער נאך ווייט נים.

אין זיין צורוף צו די דעלעגאטען פון די עטליכע הונדערט ארבייטער־ארגאניזאציעס, וואס ערשיינען דא, אין אמעריקא, צו העלפען אין דעם לאפאלעט־קאמפיין, זאגט מעטיו וואל, איינער פון די וויצע־פרעזידענטען פון דער א. פ. און ל., אז איצט וועלען מיר וויסען, „ווער עס זיינען די שאף און ווער די ציגען". אין קלארערע ווערטער מיינט ברודער וואל צו זאגען, אז דורך דעם קאמפיין וועלען מיר זיך דערוויסען, ווער ווירקליך פארטיידיגער עס זיינען אונזערע ארבייטער. לויט מיין מיינונג, איז עס דאס פאקט וויכטיגסטע, וואס דער קאמפיין וועט ברענגען. נאר די וואהלען וועלען מיר מאכען באמת וויסען, ווי גרויס עס איז די צאהל פון די „פראגרעסיווע" לאיאלישען אונז, און דאס איז זעהר וויכטיג. אום עפעס וויכטיגעס אויפצובויען, דארפען מיר גענוי קענען אונזערע כוחות. ווען נים, מוזען מיר אייביג כישופדיג אין דער פינסטער, און נאר געשטרויכעלט ווערען.

נו, דער דעמאקראטישער וויס־פרעזידענט איז שוין אויך נעקומען געווארען פון אלע צדדים, איצט שטעלט נאר, אז דער פלאן זאל פארטרייבען די הערשאפט אז דייטשלאנד זאל קריגען די נויטיגע הלואה, און

זעהר א ראלטער, און די טעמפעראטור פון די מעטעאריטען, בשעת זיי טראגען זיך אין וועלט־רוים, איז אויך זעהר א נידעריגע, זעהר א קאלטע. ווען רער מעטעאריט הויבט זיך אן טראגען דורך אונזער אטמאספערע, ווערט אנגעגליהט נאר זיין אויבערפלעך; אבער אינווייניג איז ער נאך אלץ קאלט. מען האט שוין באמערקט אזא פאל: מען איז צוגעראנען צו א מעטעאריט, וואס איז נאר וואס אראפגעפאלען אויף דער ערד. ווען מען איז צו איהם צוגעקומען, איז ער נאך געווען הייס; אבער אין עטלאכע מינוט ארום האט ער זיך באדעקט מיט א פראסט. דאס האט די אינערליכע גרויסע קעלט ארויסגעשיקט, נאכדעם די אויבערפלעכליכע היץ, רער שטיין איז געווארען זעהר קאלט און די פייכטקייט פון דער לופט האט זיך באלד אויף איהם אפגעזעצט און איז צו־געפראירן געווארען.

איצטער לאמיר באטראכטען די מעטעאריטען אין אונזער מוזעאום.

דער ערשטער מעטעאריט צו דער לינקער זייט ביים אריינגאנג, איז דער גרעסטער אויף דער ערד. ער ווענט (ווענט?) טאן. ראבערט האט איהם אדמיראל פירי, דער אנטדעקער פון נארד פאל געפונען אין גרינלאנד און פון דארטען איהם אהער געבראכט. עס איז פאראן נאך איינער, א גרעסערער פון איהם; ליגט ער ערגעץ אין א וואלד אין מעקסיקא. אבער אין א מוזעאום איז ער דער גרעסטער פון אלע. ער איז אינגאנצען פון ריינעם אייזען.

אויסערגעוויינליך אינטערעסאנט איז אויך דער ערשטער מעטעאריט פון דער רעכטער זייט ביים אריינגאנג. ער איז אויך פון ריינעם אייזען; ער איז אבער אינגאנצען צולעכערט און זעהט אויס ווי א ריזיגער שוואם פון אייזען. פארוואס איז ער אזוי צולעכערט? ווייל בשעת ער האט געהאלטען אין פאלען צו דער ערד, האט ער זיך אנגעגליט, און עס [illegible] [illegible] מעטעאריטען [illegible] זיינע זיינען אויסגעברענט [illegible] אין זיינע ארויסגערונען, און געבליבען זיינען די הארטערע טיילען. דערפאר זעהט ער אויס אזוי צולעכערט.

אינטערעסאנט איז אויך דער צווייטער מעטעאריט צו דער רעכטער זייט. דער מעטעאריט איז א קליינער, אויך פון ריינעם אייזען. ער איז צושניטען אויף צווייען און די העלפטלאך זיינען פאלירט, און אויף דעם פאלירטען אויבערפלאך זעהט מען ווייסינקע שטריכען. דאס זיינען שטיקלאך ניקעל, וואס דער מעטעאריט אנטהאלט. צווישען די צוויי העלפט־לאך ברענט שטענדיג אן עלעקטרישע לעמפעל, כדי מען זאל בעסער זעהן די שטריכען פון ניקעל.

ווייטער זיינען דארטען פאראן נאך עטלאכע אינטערעסאנטע מעטעאריטען. איינער פון זיי איז כמעט ווי רונד, מיט א גרויסען לאך אין מיטען און זעהט אויס ווי א בויגעל. דער לאך האט זיך אויך פארמירט פון דעם, וואס די ווייכע טיילען זיינען ארויסגעשמאלצען. נאך איין קליי־נער מעטעאריט, וואס געפינט זיך אונ־טער גלאז, איז ניט פון אייזען, נאר פון שטיין. ער איז אינטערעסאנט דערמיט, וואס ער אנטהאלט אין זיך דימענטען. די דימענטען זיינען זעהר קלייניגקע, קוים וואס מען זעהט זיי; אינטערעסאנט איז אבער, וואס דארטען, אין די הימלען, האבען זיך אויך פארמירט דימענטען, און דאס צייגט, אז דיזעלבע באדינגונגען און ערשיינונגען, וואס הערשען און האבען גע־הערשט אויף דער ערד, הערשען אויך און האבען געהערשט אין די הימלען, וואו אנ־דערע פלאנעטען האבען זיך פארמירט.

און אין דעם ליגט די גרויסע וויסענ־שאפטליכע באדייטונג פון די מעטעארי־טען: זיי זיינען געקומען צו אונז אויף דער ערד פון ווייטע פרעמדע וועלטען און האבען אונז געגעבען א מעגליכקייט נעהנ־טער צו באקענען זיך מיט דעם, ווי אזוי פלאנעטען זיינען געבוים; ד. ה. פון וועלכע מאטעריאלען זיי זיינען צוזאמענ־געשטעלט און ווי אזוי זיי זיינען צוזא־מענגעשטעלט. דער מענש קאן ניט קומען צו די פלאנעטען, קומען שטיקער פלאנע־טען צו איהם, פונקט ווי מאהאמעד מו־נעהן צום בארג, ווען דער בארג וויל ניט נעהן צו איהם.

און אגב וועגען מאהאמעדען. אין ארא־ביען איז דא א שטאדט, וואס רופט זיך מעקא. דאס איז דער רעליגיעזער צענ־טער פון אלע מאהאמעדאנער. אין מעקא געפינט זיך דער בית המקדש פון די מאה־מעדאנער, און עס רופט זיך קאאבא. אין קאאבא, וואוהין „ניט־גלויבינע", ד. ה., ניט מאהאמעדאנער ווערען ניט אריינגעלאזען, איז דא א גרויסער שווארצער שטיין. יעדער מאהאמעדאנער רעכענט פאר זיין הייליגען חוב צו קומען כאטש איינמאל אין זיין לעבען אין מעקא, אריינגעהן אין קאאבא און א קוש טאן דעם שטיין. א לעגענדע דערציילט, אז אט דעם שטיין האט גאט אראפגעווארפען פון הימעל ספעציעל פאר מאהאמעדען, און דערפאר איז ער אזוי הייליג.

אמאל האט מען גערעכענט, אז דאס איז א בלויזע לעגענדע, ווייל שטיינער פאלען ניט פון הימעל; און אריסטאטעלעס מיינט, אז דאס איז אן אמת. עס איז נאך דערווייל ניט־פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז דאס האט גאט דעם שטיין אראפגע־ווארפען פון הימעל ציליב מאהאמעד'ס כבוד הויגען; אבער אז דער שטיין איז ווירקליך אראפגעפאלען פון הימעל, ווייסט מען שוין אויף זיכער, ווייל אט דער „הייליגער" שטיין איז א גאנץ געוויינליכער מעטעאריט. און ווען די הינע מאהאמעדא־נער ווילען, קאנען זיי געהן אין היגען מו־זעאום און קושען יעדען מעטעאריט באַ־זונדער (א חוץ די, וואס זיינען אונטער־גלאז), ווייל זיי זיינען פונקט אזוי הייליג, ווי דער שטיין אין קאאבא.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער

כ׳ רעכבאק. — מיר פארעפנטליכען אייער בריוועל, וואס איז פארטיג און אנקלאגע געגען די פענערדושמענט פון דער „גערעכטיגקייט". די פראגע איז נאר, צי די אנקלאגע איז בארעכטיגט, אט פיר הרינגען אייך די ציפערנע ציפערנט אין אונזער אפיס פון דעם ערשטען גומער, און אין עס האט נאך ניט געטראפען, אז די ציטונג זאל פעלען צו אונז ניט אנקומען. און מיר ווייסען אז מיט אונז ווערט [illegible] ניט [illegible] געמאכט וועלען קיין אויסנאם. [illegible] שטעלט זיך די פראגע, ווארום הרינגען מיר [illegible] פינגערט די צייטונג אין איהר [illegible]? איי עס ניט אפטער רער־פאר, ווייל איהר האט געפיטט און האט פארגע־סען אנצוגעבען אין אפיס אייער נייעם אדרעס? פרער איז עס ניט אפטל, ווייל איטיצער אין אייער הויז באגוצט זיך מיט רער „גערעכטיג־קייט" פאר אייער וויסען, פאר נאר אנדערע צייט־ען? דאס איהר פייבערט רייכטיג אויסגעפינען. וואס ווענט פון דער „גערעכטיגקייט", וואס מען שיקט אייך צו? איהר שרייבט, שוין א פאר וואכען. ווי איך באקום ניט די „גערעכטיג־קייט". די פראגע איז, ווייסט וואכען איז פון אייך א פאר וואכען? און ווארום האט איהר גלייך די ערשטע וואך, ווי איהר האט איהר ניט געקראגען, געמאכט אן אנפראגע? געוויס זיינט איהר נאך פון אונזערע בעסערע לעזער־פאראן אבער לעזער וועלכע אינטערעסירען זיך גאנץ ווייניג צי זיי קריגען זייער צייטונג צי ניט, און אט די זיינען די אמת שולדיגע. וואס עס הויבען פאר אויפרעגונגען־פעלן אין דער עקס־פעדיציע ווילטען זיי זיך מעהר אינטערעסירט. וואלט ליכער די עקספעדיציע אויך געקוזט בע־סער אויפפאסען. איהר שרייבט ווילען דעם נעלט, וואס די צייטונג קאסט. געוויס איז געלט אן ערנסטער ענין; אבער פאר אונז איז עס מעהר, פיר מעהר, ווי געלט. שמערט אייך פאר, מען ארבייט א גאנצע וואך, מען גיט זיך די גרעסטע אנשטרענגונג ארויסצוגעבען דאס בעסטע אין דער באלייכטונג פון פארשיידענע פראגען. פאר וואס אפצאמאנגט צו דער יוניאן, און פאר צו אנדערע וויכטיגע פראבלעמען נאטירליך. איז דא דער גרויסער וואונש ביי אונז, אז די יוניאן־מעמבערס זאלען עס לייענען. און לייענען יעדע וואך, ווארום אז איינער פארפעלט צו לייענען די צייטונג א פאר וואכען, ווערט איהם די צייטונג פרעמד. פיקעט אין איהר קען ער ניט פארשטעהן, און עס טוט אונז ווירקליך וועה, ווען מיר נעפינען אוים, אז אפילו די וואס ווילען איהר לייענען, קריגען איהר ניט צוליב דער ארער אנאנדער אורזאכע ווירער. וואס אמבאטרעפט די פעלע, אין וועלכע די צייטונג ווערט געשיקט צו מענ־שען, וועלכע זיינען שוין לאנג ניט קיין יוניאן־מעמבערס, קענען מיר עס ניט פארשטעהן. עס איז כמעט אוממעגליך, ווייל, קוים מיר ווייסען, ווערט אונזער רעקארד־דעפארטמענט געמעלדעט זעהר פינקטליך. די איינציגע ערקלערונג איז, דאס די מענשען זיינען געוואָרען באצאהלענדע סובסקרייבער אויף דער צייטונג, כאטש זיי האבען שוין פארלאזען דעם טרייד. מיר ווייסען פון עטלאכע אזעלכע. אפשר זיינען דאס די זעלבע, פון וועלכע איהר ווייסט. קאם איז אונזער דערוווי־ניגע ערקלערונג. העכסט ווארשיינליך אבער וועט ברודער סהולמאן, סעקרעטער פון רעקארד דע־פארטמענט, וועלען חשבען זיין ווארט אין דער פראגע, אום צו מאכען דעם ענין נאך קלערער.

פ. כ״ם. — מיר געדענקען ניט צו האבען ערהאלטען פון אייך אבריף לעצטע וואך. ארער ווענט איהר דערוועלבער וואס האט זיך אונטערגע־שריבען מיט דעם נאמען: „מעמבער לאקאל 45", און וועסען מיר האבען געענטפערט אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט"? פרעגען מיר אייך, וואר־רום האט איהר פארפעלט אונז צו געבען אייער נאמען? און איצט צו אייערע פראגען. פאר די „גערעכטיגקייט" זיינען אלע לאקאלס און אלע יוניאן מעמבערס גלייכע יחסנים. און מיר דרוקען זעהר גערן בריף פון אונזערע לעזער איבער יוניאן־אנגעלעגענהייטען. אפילו ווען מיר זיינען מיט זיי ניט איינפארשטאנען. און מיר האבען זאגאר קיין מורא ניט פאר קריטיק, ווען זי איז נאר אפילו שייגבאר בארעכטיגט. נאר די צרה איז, וואס די פאר בריף, וואס מיר האבען ער־האלטען פון אייניגע רעזיינער, זיינען געווען אזעל־כע, וואס האבען געווארפען א גרויסען חשד אויף די עהרליכקייט און ערנסטקייט פון זייערע שריי־בער. די כונה זייערע איז געווען מעהר צו אטאַ־קירען די פיהרער פון דער יוניאן, ווי דער ווירקליכער וואונש צו העלפען די דרעסמעכער אין זייער איצטיגער שווערער לאגע. אייער בריף איז ניט פון דעם סארט: ער איז אן ערנסטער בריף, אבער מיר זיינען כמעט ווי זיכער, דאס די פראַ־גע, וואס דער רעזיינער שטעלט אין זיין בריף [illegible] ניט צו טאן [illegible] די יוניאן [illegible] די יוניאן. [illegible] עס [illegible] אבער ווען [illegible] די יוניאן ווענט [illegible] אזוי [illegible] [illegible] די יוניאן [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] א ריין [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] פון די [illegible] ביי [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] פון [illegible] אויך [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible].

א גווענראף. — אפשר איז אייער נאמען אליסער אנדערש, אבער דאן איז עס אייער שולד אז אונטערשריבען זענט איהר נעשריבען. איך האב איהר פארפעלט אנצוגעבען דעם נאמען, צי וועלכען איהר געהערט און אייער רעדזשער נומער. און עס איז דאך שוין ווירקליך צייט, אז דאס פארשטענדליך, זאלען אונזערע יוניאן־מעמבערס וויסען, ווען זיי שרייבען א בריף, צו וועלכען זיי ווילען זיך ווענדען צו אויסשפראכען פון דער דעקאראציע. און נאך אפטער, אויך צו זעהן זיי נעהרונג [illegible] אייער מיינונג איז, דאס עס זיינען ניט פאלגע דיאוי־מאכער, וואס מען דארף בויקאטען די אייערען: נאר די אמעריקאנער אסאן [illegible] [illegible] די יוניאן. די יוניאן סטעטעס מיט שעפער, וועלכע האבען 14 מאשינען, און אין דעם ערשטען טאג פון סעטעלען געסען זיי כימורמשע ארויף 14 אפע־רייטארס און אז איהר קומט ארויף מיט צ טעג שפעטער, געפינט איהר דארט ניט מעהר, ווי 4 ארער 5 אפערייטארס אנגענומען. אז דאס איז ווירקליך אזוי, פרעגען מיר: וועמעס שולד איז עס? ווארום לאזען די ארבייטער ניט וויסען וועגען דעם די יוניאן? און וואו זיינען אהינ־געקומען די אנדערע 10 ארבייטער? ווארום זיי־נען זיי ניט געבליבען אויף דעם פלאץ? איהר שרייבט, אז די אלטע טעמס האבען מורא צו זאגען א ווארט, ווייל דער קליינער באסעט דאן זיך לייכט דערוויסען, ווער עס האט איהם פאר־סר'ט פאר דער יוניאן. ווער, דאס איז אויך ניט קיין גוטע רעקאמענדאציע פאר א יוניאן־מאן. א יוניאן־מאן דארף ניט מורא האבען. און ווידער, אויב דער אלטער טעם איז פון דעם סארט, דאס ער העלפט זיינער דעם באסער אפצונארען די יוניאן, דארף מען דאך זיי אודאי בויערען די אויערען. נאר, ווי דאס איז, אויב די לאגע איז ווירקליך אזא, איז זי געוויס זעהר. זעהר ניט קיין גוטע. אבער דאך גלויבען מיר ניט. דאס זי וועט לאנג אנהאלטען. איצט אז דער סטרייק איז געענדיגט, וועט די יוניאן זיכער באלד אויסגעפינען יעדען שוואכען פונקט. און זעהן עס גוט צו מאכען. אויב די יוניאן רייט אליין וועלען זיך מאכען ניט וויסענדיג, וועט אבער דער ביזנעס־אגענט מוזען זארגען. אז די לאגע זאל זיך שנעל ענדערען. און, אויב דער ביזנעס־אגענט פון דער יוניאן, צוליב אזא ארער אנאנדער אורזאך, וועט וועלען פארזעהן זאכען וואס טארען ניט זיין, וועט ער עס טאן אויף זיין איינענע געפאהר: באלד, באלד און ער וועט פארלירען זיין אמט, אלס ביזנעס־אגענט. ווארום די יוניאן איז אנטשלאסען, אז איהר פראגראם זאל דורכגעפיהרט ווערען פול און גאנץ.

בערקאוויטש. — עס איז ניט דאס, וואס אייערע בריף זיינען ניט ליטעראריש. דאס פאר־דערען מיר גארניט פון אונזערע בריף־שרייבער. נאר די צרה איז, וואס איהר קענט ניט ריכטיג ערקלערען אייערע טענות מיט דער פען. דארום האבען מיר אייך געראטען אריבערצוקומען אין אפיס און זעהען זיך מיט פרעזירענט זיגמאן. איהר שרייבט אונז, דאס עס איז איצט הייס, און עס איז שווער פאר אייך נאך א טאג ארבייט זיך צו געהן זעהן מיט דעם פרעזידענט אויז. ערשטענס, וואס איז די איילעניש? איהר קענט עס נאנץ גוט אפלייגען אויף א נעראמערע צייט. און, צווייטענס, זיינען מיר זיכער, אז דאס שריי־בען קוסט אייך אן גאנץ שווער. און איבערהויפט נאך אין אזעלכע היצען. מעהר וועלען מיר מיט אייך וועגען דער שבת־פראגע ניט שמועסען. ווא־רום, ווי עס זעהט אויס, פונקט ווי מיר קענען אייך ניט גוט פארשטעהן, אזוי קענט איהר ניט פארשטעהן אונזער שטאנדפונקט. און ווידער־האלען נאך אמאל דאס וואס מיר האבען שוין געזאגט, פיהלען מיר, וועט זיין פון נאר א קאר פען נוצען.

הענאך זאלקין. — מיר פיהלען זיך, נאמיר ליך, שטארק געשמייכעלט, וואס איהר קוקט אמאל אריין אין די „גערעכטיגקייט". אמת, איהר זענט מיט אונז ניט איינפארשטאנען, איהר מאכט חוזק פון דעם „בת קול״ קעלבערנע התפלות וועגען מעקראנשלד'ען: איהר דערמאנט אונז אז די התפלות פון א געוויסן רעדאקטאר פון דער „פרייער ארבייטער שטימע", וואס איז געווען גרויס זיך צו זעטיגען אויף די חגי פאר דעם [illegible] ווייסען, אבער דער דער פאוס, דאס אזא מענש מיט אזא געוויסען ביים זיך [illegible] [illegible] אז דער „גערעכטיגקייט" איז פאר אזוי ווייניג א גרויסער כבוד און פון [illegible] [illegible] אויף אונזער [illegible] ראזי אין [illegible] דעם [illegible] [illegible] דער [illegible] אפשר, עס ווערען גנמאכט [illegible] [illegible] אפשר מאכען די ווייטע־[illegible] די ארבייטער־פראגען א פילמער. וואס [illegible] פונען זיך אויב. ווייט דער יעצטער פארט אבער וואס האבען איהר וועגען מיט [illegible] און דאן איז דאך דאס גופא דער סאמראטיש באַ־[illegible] [illegible] עס איז נאך דערווייל צו טרייסט פון דער באדינגער איינטייהונג פון פאשיא־ליזם. איין זאך איז קלאר. דאס מעהראהייט מיט זיין רעגירונג איז א לאסט צום גנבען אין ענגלאנד און אין דער גאנצער וועלט. ער איז אויף אזוי ווייט אז ערפאָגג. דאס די ליבעראלע און קאנסערוואטיווע פארטייען האבען מורא צו שטיפען די ארבייטער־רעגירונג איצט, ווייל זיי ציטערען. אז דאן וואן די ארבייטער־רעגירונג אויסגעווארפן ווערען מיט א מאיאריטעט און דאן וועט זי קאנען טאן פילע וואס זי קאן איצט בשום אופן ניט טאן. ווייל דאן וועט זי זיין א רעגירונג. וואס האט די מאכט. בעת איצט איז זי א רעגירונג וואס ווערט ביזון פארעריט. נאר טאג. ווען איהר ווערט נשייען א רעגירער. וואס קומט ניט ביזון אריין. נאר וואס לייגט מאקי, ווארט איהר פון ווילסאנ'ס אר־טיקעל אין די „מייסון" נוטא זיך דערוואוסט וועגען דער גרויסער ארבייט. וואס רעמזי מאק־דאנאלד טוט אויף. ער ארבייט פאר דער פאר־ניכטונג פון דער ליבעראלער פארטיי אין ענג־לאנד, און וואס ער שיינט צו האבען גרויסען ערפאלג. דאס איין איז א גרויסער אויפטו. ער ארבייט. ווי קיינער ביז איהם האט עס ניט אויסגעפיהרט, פאר די עטאבלירונג פון אמת'ן פריידען אין אייראפא. דאס באוויזט אז מעק־דאנאלד איז איינער פון די סטאריקסטע און שארפזיניגסטע סטאטסמענער. וואס דער סאַ־ציאליזם האט ארויסגעבראכט. אמת, אין ענג־לאנד איז נאך אלץ דא א מיליאן ארבייטסלאזע, און זאג, זאגט ער, גרויבט. אז די צאהל אר־בייטסלאזע קאן נאר פארקלענערט ווערען. וועט דער האנדעל פון ענגלאנד וועט זיך הויבען און ניט. אז נאר דער סאציאליזם קאן מאכען א סוף צו ארבייטסלאזיגקייט; אבער דאס באווייזט נאך. אז מעקדאנאלד איז א מאן מיט א ריכטיגען חוש. אז ער איז א סאציאליסט. אבער ניט קיין אידישיסטישער סאציאליסט. וואס האלט אין איין ווידערהאלען איינינע אלטע אויסגעדראשענע פראזען. און פערקט אייך, עס ארט אונז אפילו ניט. ווען מעקדאנאלד האט ניט אזוי שטארק פון דעם ווארט סאציאליזם. עס איז ניט דאס ווארט, עס איז דער געדאנק, דער זין פון דעם ווארט, וואס איז פאר אונז פון גרויס וויכטיג־קייט און, אויב מעקדאנאלד גלויבט, אז ער קאן מעהר דערגרייכען. נעברויכענדיג אפטער דאס ווארט „לייבאר", איז אסור אויב מיר עסען זיך אָפּ דאס הארץ פון דעם. פארגעסט ניט, אז דער וויכטיגסטער ענין פאר דעם סאציאליזם איז „לייבאר". טו וואו איז דא די נפקא־מינה, אז דאס ווארט זאל וואס אפטער געברויכט ווערען? און דאס, וואס איהר דערמאנט אונז אז אונזערע אלטע לינד, דאס שיער, שיער האבען מיר געקויפט פאר דעם 14 דזשויכטינען ווילסאן, איז עס טאקע אמת. מיר, צוזאמען מיט פילע אנדערע, האבען געגלויבט, אז ווילסאן מיינט עס ערנסט מיט זיינע 14 פונקטען. אז ער מיינט טאקע ערנסט מיט זיינע זעהר שעהנע פראזען. אבער, לעזער, וואס קוקט אמאל אריין אין די „גערעכטיגקייט", עס איז מענשליך אמאל צו מאכען א טעות. נאר עולכער, וואס קוקט אמאל אריין אין די „גע־רעכטיגקייט", איז אומפעלערבאר. און אמאל זיינען אט די אומפעלערבארע מענשען אינגאנצן אידישטען. זיי האבען ניט קיינע מיינונגען. וואס זיי קענען ענדערען זייערע איינענע, האבען זיי קיינמאל ניט ענדערען זיי. און ענדערען זיי זיי יא אמאל, האבען זיי ניט דעם גוויסען מוט עס צוצוגעבען: און לייענען זיי עפעס, פארשטעהען זיי ניט וואס זיי לייענען. און הערען זיי עפעס, זיינען זייערע אויערען פארשטאפט. און כאפען אויף פון צעהן ווערטער צוויי־דריי. און אין זייערע מוחות איז א מישמאש. און אט די ראזינע לילופוטיאנער — טאמער ווייסט איהר ניט דעם טייטש פון דעם ווארט, פרעגט זיך נאר וועגען דעם אין אייער בילעטע, וואס איהר לייענט פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה — סטייען צו ווארפען שטיינער אין אזא ריז, ווי דאס איז רעמזי מעקדאנאלד

ווי אזוי די קאמוניסטען האבען געשפאלטען דעם פאראיין פון באקליידונגס-אינדוסטרי ארבייטער אין פוילען

פון דוד מייער.

2. זייער טעטיגקייט אין פאראיין.

גראדע אין דעם מאמענט ווען די פוילישע שניידער־ארבייטער האבען, אונטער'ן דרוק פון דער צענטראל־קאמיסיע, געמוזט פארבייגען זייער אנטיסעמיטיזם און איינגעהן צו פאראייניגען זיך מיט'ן אלגעמיינעם באקליידונגס־פאראיין, זיינען דארט פארגעקומען נייע וואהלען פון א פארוואלטונג, אין וועלכער די קאמוניסטען האבען באקומען א מעהרהייט. די איגעריכע פארהעלטניסען פון פאראיין האט זיך דערפון אין אלגעמיין נישט געענדערט. די פאראיינס־מיטגלידער זיינען קיין קאמוניסטען ניט געווארען. מ'האט געוואלט אין דער פארוואלטונג קאמוניסטען, ווייל זיי האבען צוגעזאגט גאלדענע בערג. די נייע פארוואלטונג האט אפילו איבערגעלאזט דעם פריהערדיגען פאראיינס־סעקרעטער, אן אויסגעשפראכענער פוילישער נאציאנאליסט און אנטיסעמיט, וועלכער האט די גאנצע צייט נישט דערלאזט די פאראייניגונג מיט'ן אלגעמיינעם באקליידונגס־אינדוסטריע פאראיין. די אנטיסעמיטישע פוילישע שניידער־ארבייטער פון ווארשע, וועלכע האבען געוואלט א קאמוניסטישע פארוואלטונג, זיינען צוליב דעם נישט געווארען אויס אנטיסעמיטען. אין דעם זינען איז קיין שום ענדערונג אין פאראיין נישט פארגעקומען.

אין נייעם האט די נייע פארוואלטונג יע דורכגעפיהרט: זי האט זיך אנטזאגט דורכצופיהרען דעם פאראייניגונגס־אפמאך מיט'ן באקליידונגס־אינדוסטריע־פאראיין, אויף וועלכען די פריהערדיגע נישט קאמוניסטישע פארוואלטונג איז שוין, אונטער'ן דרוק פון דער צענטראל־קאמיסיע, איינגעגאנגען.

אויף די עפענטליכע פארזאמלונגען פון די פוילישע שניידער־ארבייטער האט מען דאס נישט דורכפיהרען די פאראייניגונג מאטיווירט מיט דיזעלבע אנטיסעמיטישע ארגומענטען ווי די פריהערדיגע פארוואלטונג. אויף די פארמאכטע זיצונגען, וואס די צענטראל־קאמיסיע האט וועגען דער פראגע גערופען, האט מען ארויסגעשטעלט א רייהע נייע „ראדיקאלע" פאדערונגען, וועלכע האבען געצילט צו געבען א מעגליכקייט די קאמוניסטען באהערשען דעם פאראיין. מיט דער פאראיינס־ארבייט און פראפעסיאנעלער באוועגונג האבען די פאדערונגען געהאט א קנאפען שייכות.

די קאמוניסטען האבען די פאראייניגונג נישט געוואלט דורכפיהרען. דער פוילישער שניידער פאראיין איז צוליב זיין אנטיסעמיטישער טאקטיק בנוגע די פאראייניגונג אויסגעשלאסען געווארען פון דער צענטראלער קאמיסיע, פון דער אלגעמיינער פראפעסיאנעלער ארגאניזאציע אין פוילען, וואו ס'זיינען פארטראטען אויך די קאמוניסטען. דער אנטיסעמיטישער שניידער ארבייטער פאראיין איז געבליבען איזאלירט פון דער גאנצער פראפעסיאנעלער־באוועגונג אין לאנד. די פאראיינס־טוער פון פוילישען פאראיין זיינען פטור געווארען פון וועלכע עס איז קאנטראל מצד א העכערע פראפעסיאנעלע איינריכטונג.

איצט האבען די אידישע קאמוניסטען אין באקליידונגס־אינדוסטריע־פאראיין אנגעהויבען אן אמת'ע צוברעכער'ישע און דעמאראליזאטארישע טעטיגקייט.

נאך מיט א צייט צוריק האבען זיי אין דער ווארשעווער אפטיילונג אנגעהויבען א קאמפאניע געגען דער פאראיינס־פארוואלטונג. די ווארשעווער אפטיילונג איז די גרעסטע אין באקליידונגס־אינדוסטריע פאראיין. באהערשען די אפטיילונג מיינט פאקטיש באהערשען דעם גאנצען פאראיין. צו דעם האבען די קאמוניסטען געשטרעבט מיט אלע כוחות.

זייענדיג אין פאראיין א מינדערהייט, האבען די קאמוניסטען דאך געוואלט דיקטירען די פארוואלטונג זייער מיינונג, צווינגען איהר דורכצופיהרען דעם ווילען פון דער קאמוניסטישער פארטיי, און ווען די פארוואלטונג איז אויף דעם נישט איינגעגאנגען, האט מען איהר באקעמפט מיט אלע כוחות.

ביי דעם האט מען זיך נישט אפגעשטעלט פאר קיין שום מיטעל. אלץ איז געווען כשר, אויב ס'האט נאר, לויט זייער מיינונג, כאטש אויף א האר דיסקרעדיטירט די פאראיינס־פארוואלטונג. די קאמוניסטישע צייטונגען און בלעטלאך זיינען שטענדיג פול געווען מיט ליגען, רכילות און שמוץ געגען די פיהרער פון באקליידונגס־אינדוסטריע פאראיין. וואס פאר אן אקציע דער פאראיין זאל נאר נישט אונטערנעמען, האט מען זיך גלייך אנגעהויבען איהר ארונטער־צורייסען. פאר־מיאוסען אין די אויגען פון די ארבייטער און דיסקרעדיטירען ביי די בעל־הבתים. די עלעמענטארסטע פרינציפען, מיט וועלכע ס'מוז זיין געבויט יעדע געזעלשאפטליכע ארגאניזאציע, איז דורך זיי אויפ'ן שענדליכסטען אופן פארגוואלטיגט געווארען. צו הילף דער ראזינער כשר'ער ארבייט האט מען גענומען די פארדעכטיגסטע עלעמענטען פון די ארבייטער און נישט ארבייטער. ס'איז גענוג געווען, אז ווער ס'איז זאל זיין אומצופרידען מיט דער פארוואלטונג, זיין געגען איהר, האט ער געמעגט האבען די מינסטערסטע שענדליכסטע פארגאנגענהייט און געגענווארט, איז ער גלייך אריין אין די קאמוניסטישע רייען, וואו ער איז מיט פרייד אויפגענומען געווארען און אנגעהויבען צו פיהרען אן „אידען־קאמף".

א געוויסע צייט האבען זייערע צייטונגען און בלעטלאך אנגעהויבען צו דערציילען מעשה'ס, אז דער סעקרעטער און פאקטישער פאראיינס־פיהרער פון דער ווארשעווער אפטיילונג, ח' הערשעל הימעלפארב, האט צוגע'גנב'עט פאראיינס־געלט. די פארוואלטונג ווייסט דערפון און פארשווייגט עס ספעציעל, ווייל זי וויל נישט פארשעמען דעם בונדישען פיהרער. גאנצע שפאלטען זיינען וועגען דער ראזינער בונדישער „גנבה" געשריבען געווארען.

ווען די פארוואלטונג פון ווארשעווער אפטיילונג האט אויף א קאטעגארישען אופן געפאדערט ביי דער רעדאקציע פון קאמוניסטישען בלעטעל באווייזען וועגען דער „גנבה" אדער „מיסברויכען מיט פאראיינס־געלדער" און געווארענט, אז זי וועט אנגעמען די שטרענגסטע און שארפסטע מיטלען, כדי איהר צו דעם צו צווינגען — האט זי געבאך די גאנצע באשולדיגונג געמוזט אפרופען.

מיט א צייט שפעטער האט א געוויסער פרידמאן, אליין א שניידער־ארבייטער, דער הויפט עדות פון דער ראזינער „גנבה", עפענטליך זיך מודה געווען אין „אונזער פאלקס־צייטונג" נומער 58 פון 10טען מערץ, 1924, אז זייענדיג א דיסציפלינירטער קאמוניסט, האט ער געמוזט צוליב פארטיי־דיסציפלין ארויסטרעטען מיט דער באשולדיגונג געגען פאראיינס־סעקרעטער, חבר הערשעל הימעלפארב, אבוואהל ער האט אליין געוואוסט, אז די גאנצע זאך איז פאלש.

דער דורכפאל מיט דער „גנבה" האט נישט געשטערט די קאמוניסטען ווייטער צו פיהרען זייער העץ־קאמפאניע געגען דער פארוואלטונג און פאראיין. זיי האבען גערעכענט, אז אבוואהל די ברייטע ארבייטער־מאסען האבען דעם פולען צוטרויען צו זייערע געוויילטע פיהרער, וועט זיך דאך עפעס פון דעם, וואס זיי זאגען, שרייבען און פרעדיגען, צו די ארבייטער צוקלעפען. א געוויסער פונק פון אומצוטרוי וועט זיך ערגעץ אפשר יע דערוועקען.

און אויף דעם האבען זיי קיין מיה נישט געשפארט.

ביז וואנען דער פאראיין פון די פוילישע שניידער־ארבייטער האט זיך נישט געפונען אונטער דער קאמוניסטישער הערשאפט, האבען די אידישע קאמוניסטען אביסעל זיך איינגעהאלטען מיט זייער קאמפאניע געגען דער פאראיינס־פארוואלטונג. די אידיש־קאמוניסטיש־געשטימטע שניידער־ארבייטער האבען דאך מורא געהאט פאר זייער פארוואלטונג, וועלכע האט געהאט די מעגליכקייט צו באזייטיגען פון פאראיין די מיטגלידער, וואס ברענגען איהם שאדען און האלטען געגען זיינע אינטערעסען. ביי די איצטיגע פארהעלטניסען אין פוילען וואלט דאס בויען א נייעם שניידער פאראיין אנגעקומען די קאמוניסטען זעהר שווער. בלייבען אינגאנצען אהן א פאראיין האבען זיי נישט געוואלט. דאס האט זיי געצוואונגען זיך מעהר רעכענען מיט דער פאראיינס־פארוואלטונג, זיין אביסעל מעהר איינגעהאלטען.

ווי נאר אבער דער פוילישער אנטיסעמיטישער שניידער־פאראיין איז אריינגעפאלען אין די קאמוניסטישע הענט, האט זייער האנדלונג אין באקליידונגס־אינדוסטריע פאראיין אנגעהויבען צו ווערען פיל חוצפה'דיגער און פרעכער ווי פריהער. ס'איז געווארען אוממעגליך דורכצופיהרען וועלכע עס איז ארבייט. כמעט אלע פאך־פארזאמלונגען און קאנפערענצען האבען זיך געענדיגט מיט געשלעגען. ס'זיינען געווען פאלען ווען קאמוניסטישע שלעגער, אידישע און פוילישע, פון אנדערע פאכען, ווי צ. ב. בעקער, לעדער ארבייטער, האבען זיך מיט געוואלט אריינגעריסען אויף די פארזאמלונגען פון די אידישע שניידער־ארבייטער און געהאלפען זייער קאמפאניע „רעוואלוציאנערען" מיט דער פויסט די פאראיינס־מיטגלידער.

נאך איינע פון אזעלכע קאנפערענצען, וואס איז פארגעקומען אין ווארשע און האט זיך געמוזט איבעררייסען צוליב'ן אויסגעבראכענעם געשלעג, האט די פאראיינס־פארוואלטונג איבערגעגעבען צום פאראיינס־געריכט 5 שניידער־ארבייטער, די הויפט איניציאטארען פון די געשלעגען. ביז דעם אורטייל פון געריכט זיינען זיי באזייטיגט געווארען פון דער פאראיינס־טעטיגקייט. מ'האט זיי אבער געלאזט ווייטער ארבייטען אויף זייערע פלעצער. מ'האט זיי נאר פארווערט קומען אויף די פאראיינס־פארזאמלונגען.

די קאמוניסטען האבען דאן ערקלערט, אז זיי אנערקענען נישט די בונדישע פארוואלטונג און וועלען נישט פאלגען די פאראיינס־באשלוסען.

די 5 ביז'ן געריכט אויסגעשלאסענע ארבייטער, צוזאמען מיט א גאנצע באנ־

(שלוס אויף זייט 15).

דער נאטור-היסטארישער מוזעאום און זיין אויפגאבע

(דער פערטער שפאציר אין מוזעאום).

פון ל. בארארדין.

די „פאלענדע שטערן".

אויף אונזער פערטען שפאציר וועלען מיר טיף אין דעם מוזעאום ניט אריינגעהן. ווי נאר מיר וועלען אריינקומען אין ערשטען, פאדערשטען צימער, וועלען מיר זיך אפשטעלען און ארומקוקען זיך.

דער צימער איז זעהר גרויס און כמעט ליידיג. אנטקעגען שטעהט א מארמארנע סטאטוע פון איינעם פון די גרינדער פון מוזעאום, און דאס איז כמעט אלץ. אבער ווען מען קוקט זיך ארום, זעהט מען, אז ארום די ווענט זיינען אויסגעשטעלט פשוט'ע, איינפאכע שטיינער. איינינע זיינען זעהר גרויס, פון צעהנדליגע טאן; און אנדערע זיינען קליינע, פון צעהנדליגע פונט. איינינע זיינען גלאטע, און אנדערע זיינען צולעכערטע. איינער פון זיי איז אזוי צולעכערט, אז ער זעהט אויס ווי א ריזיגער, אייזערנער שוואם. איינינע פון די שטיינער זיינען אונטער גלאז. פרעגט זיך: וואס זיינען דאס פאר א שטיינער און וואס איז זייער יחוס, וואס זיי פארנעהמען אזא פראמינענטען פלאץ אין איינעם פון די גרעסטע מוזעאומס אין דער וועלט?

די שטיינער זיינען איינפאכע און ניט בעסער ווי געוועהנליכע שטיינער, וואס מען באגעגענט אין פעלד; זייער יחוס באשטעהט אבער אין דעם, וואס זיי זיינען געבארען געווארען ניט אויף דער ערד, נאר ערגעץ אין די הימלען. די דאזיגע שטיינער זיינען מ ע ט ע א ר י ט ע ן, וואס פאלען פון צייט צו צייט אראפ פון הימעל.

ווען איהר געהט ארום ביינאכט אין דרויסען ווען דער הימעל איז קלאר און ניט פארוואלקענט, זעהט איהר מאסען שטערן; און ווען איהר זאלט קוקען אויפ'ן הימעל גענוג לאנג, וועט איהר באמערקען, ווי דא אדער דארטען רייסט זיך פלוצים אפ א שטערן, גיט זיך א גליטש איבער דעם הימעל און פארשווינדט. ניט אלע מאל קען מען עס זעהן. פאראן צייטען אין יאהר, ווען מען זעהט עס אפטער, און צייטען פון יאהר, ווען מען זעהט עס זעלטענער. אין אזא שטאדט ווי ניו יארק, וואו די קינסטליכע באלייכטונג פון די גאסען גיט א מעגליכקייט צו זעהן א סך ווייניגער שטערן, ווי מען זעהט אין דארף אדער אין פעלד, זעהט מען זעהר זעלטען אזא ערשיינונג, ווי די וועגען וועלכע מיר רעדען דא. אבער אין פעלד אדער דארף קען מען אזעלכע ערשיינונגען באאבאכטען יעדע 10־15 מינוט.

אזעלכע שטערן, וואס רייסען זיך אפ, גיבען זיך א גליטש איבער'ן הימעל און פארשווינדען, רופט מען אויפ'ן פאלקס־לשון „פאלענדע שטערן", און אויף דער וויסענשאפטליכער שפראך רופט מען זיי „מעטעאריטען". פון וואנען די מעטעאריטען נעמען זיך און וואוהין זיי פארשווינדען — ווייסט מען נים. אלץ, וואס מען ווייסט וועגען זיי איז, וואס מען זעהט זיי פאר עטלאכע סעקונדען בשעת זיי גיבען זיך א גליטש איבער'ן הימעל. עס טרעפט זיך אבער, אז אזא מעטעאריט פאלט אראפ אויף דער ערד. עס טרעפט אבער זעהר זעלטען: איינמאל אדער צוויי מאל א יאהר, און זעהר ווייניג מענשען האבען געזעהן אזעלכע שטערן פאלען. דער שרייבער פון די שורות האט יע געהאט א געלעגענהייט צו זעהן אזא פאלענדען שטערן בשעת ער איז אמאל אין אווענט געפאהרען מיט א וואגען אין פעלד אין ווייסרוסלאנד נאך זייענדיג א קליינער איינגעל.

ווען א מעטעאריט פאלט אראפ אויף דער ערד, איז די ערשיינונג אביסעל אן אנדערע ווי די, וואס מען קאן באאבאכטען א סך מאל אין לויף פון נאכט. דאן איז עס ניט נאר אן איינפאכער גליטש איבער'ן הימעל, וואס געדויערט קוים עטלאכע סעקונדען, נאר עס ערשיינט אלס א פייערדיגע ראקעטע, וואס געדויערט אמאל עטלאכע מינוטען צייט און באלויכטעט דעם הימעל, ווי א ראקעטע אדער ביי'ן.

אינטערעסאנט איז, אז שטערן זאלען פאלען פון הימעל, האט מען שוין לאנג באמערקט; אבער די געלערנטע האבען עס ניט געוואלט גלויבען און מען האט עס באטראכט אלס אן אבערגלויבען, וואס איז געבוירען געווארען אין דער פאנטאזיע פון די פאלקס־מאסען. מען האט זיך ניט געקענט פארשטעלען, אז אמת'ע שטיינער זאלען אראפפאלען פון הימעל אויף דער ערד. ערשט מיט א יאהר הונדערט און 20 צוריק האבען די געלערנטע אנגעהויבען די זאך גרינדליכער אויספארשען, און ענדליך זיך איבערצייגט, אז אזא ערשיינונג קומט טאקע פאר אין דער נאטור; און זינט דאן האט מען אנגעזאמעלט אין די פארשידענע מוזעאומס אין דער וועלט א קארגע 200 אזעלכע מעטעאריטען. דער היגער מוזעאום, איבער וועלכען מיר מאכען אונזערע שפאצירען, באזיצט איינע פון די רייכסטע און אינטערעסאנטסטע קאלעקציעס מעטעאריטען אין דער וועלט.

פון וואנען די מעטעאריטען קומען ווייסט מען נים. מען רעכענט, אז דאס זיינען חרוב געווארענע וועלטען; אז דאס זיינען פלאנעטען אדער קאמעטען, וואס זיינען דורך א קאטאסטראפע צעשמעטערט געווארען אויף שטיקלאך, און די דאזיגע שטיקלאך האבען זיך אנגעהויבען זעלבסטשטענדיג ארומטראגען אין א קרייז ארום דער זון אויף דעמזעלבינען שטייגער, ווי די ערד און די איבעריגע פלאנעטען טראגען זיך ארום דער זון. און ווען עס טרעפט זיך, אז אין זיין באוועגונג ארום דער זון קומט אזא שטיין נאהענט צו דער ערד, ווערט ער דורך דער קראפט פון גראוויטאציע צוגעצויגען און פאלט אראפ אויף דער ערד.

דער שטיין אליין איז א „פינסטערער", ווי אלע שטיינער, ד. ה. ער איז פון קיין זאך ניט באלויכטען, און דעריבער זעהט מען איהם נים; אבער ווען ער הויבט אן פאלען צו דער ערד און הויבט זיך אן צו טראגען מיט דער שנעלקייט פון 25 ביז 40 מייל א סעקונדע, קומט פאר פאלגענדע ערשיינונג:

עס איז פאראן א פיזישער געזעץ, וואס לויטעט, אז ווען צוויי הארטע זאכען רייבען זיך איינע אן צווייטען, ווערען זיי אנגעווארימט. רייבט א שטיין אן א שטיין, וועלען זיי ווערען ווארם. פרימיטיווע פעלקער רייבען האלץ אן האלץ ביז זיי אנטוויקלען א פייער. די לופט, וואס רינגעלט ארום די ערד אויף א הויך פון איבער 100 מייל איז נים קיין הארטע זאך; אבער ווען דער מעטעאריט הויבט זיך אן טראגען דורך דער לופט מיט דער אויסערגעוויינליך־קאלאסאלער שנעלקייט פון צעהנדליגער מייל א סעקונדע, ווערט דער שטיין אזוי שטארק אנגעריבען אן דער לופט, אז ער ווערט מאמענטאל אנגעגליהט, און דאן זעהען מיר איהם. מיט אנדערע ווערטער, הייסט עס, אז ווען מיר זעהען א פאלענדען שטערן, מיינט עס, אז מיר זעהען דעם מעטעאריט פאר די עטלאכע געציילטע סעקונדען, וואס ער טראגט זיך איבער אונזער אטמאספערע, איבער דער לופט, וואס רינגעלט ארום די ערד.

אינטערעסאנט איז נאך פאלגענדע ערשיינונג: דער וועלטרוים אליין איז

ווי אזוי די קאמוניסטען האבען געשפאלטען דעם באקליידונגס־אינדוסטריע פאראיין אין פוילען

(שלוס פון זייט 12).

רע קאמוניסטען פון פארשיידענע פראַפעסיעס און גיאט פראפעסיאָנעלע שלעגער, זיינען יערען אווענט געקומען צום פאראיין און מיט געוואלט זיך געוואלט אריינגרייסען אין זיין לאקאל. געשלעגען מיט מעסערס זיינען פארגעקומען יערען אווענט. אפט פלעגען זיך די געשלעגענע ענדיגען מיט דער אריינמישונג פון באליציי, וועלכע האט געמאלדען די פאראיינס־פארוואלטונג, אז אויב ס'וועט ניט נעמען אן ענדע פון די געשלעגען ארום פאראיין, וועט זי, די פאליציי, זיין געצוואונגען דעם פאראיין צו פארמאכען. דער הויז־ווירט און די שכנים האבען געמאלדען, אז זיי וועלען אנגעבען אין געריכט ארויסצואווארפען דעם פאראיין פון זיין לאקאל, ווייל די געשלעגען הויבען אן צו זיין אויך פאר זיי געפערליך. די 5 אויסגעשלאסענע מיטגלידער מיט זייערע שלעגער זיינען אבער ווייטער געקומען צום פאראיין און זיך רוקא געוואלט אין איהם אריינרייסען.

די פארוואלטונג האט זיך געווענדעט נאך הילף צו אלע באוואוסטזיניגע און נעטרייע פאראיינס־מיטגלידער, וועלכע האבען זיך מאסענווייז געמאלדען אין פאראיין און אן ענדע געמאכט פון די סקאנדאלען.

מיט דעם האט זיך אבער די פראגע נייט געענדיגט. די קליינע גרופע קאמוניסטישע מיטגלידער פון פאראיין, וועלכע זיינען בסדר אונטערגעהעצט געווארען פון די פיהרער, האבען אפען אויף די פאראיינס־פארזאמלונגען גערופען ניט צו פאלגען די אַנפירענרע פאראיינס־ארגאַן, ניט אויספירען די פארוואלטונגס באשלוסען און געפארערט צוריקצונעמען די אויסגעשלאסענע מיטגלידער. אוואנטיורע איז סקאנדאליען זיינען ווייטער פארגעקומען. די פארוואלטונג האט אנגעהויבען אנצונעמען געגען די דעמאראליזאטארען פון פאראיין שטרענגע רעפרעסיווע מיטלען. די גרעסערע סקאנדאליסטען האט מען ווייטער אויסגעשלאסען.

די קאמוניסטען האבען זיך דאן אריבערגעפעקעלט אין אנטיסעמיטישען פוילישען שניידער פאראיין, און דארט אויך גערופען אלע זייערע סימפאטייזער. מען האט אנגעהויבען אריבערצוכאפען איינצעלנע מיטגלידער און גרופען פון באקליידונגס־אינדוסטריע פאראיין צו דער ניי־געבילדעטער אידישער אפטיילונג ביים פוילישען שניידער פאראיין. כדי די אידישע ארבייטער זאלען זיך וואס ווייניגער טרעפען מיט פוילישע שניידער, האט מען געדונגען פאר א גרויסע סומע א באזונדערען לאקאל. געלד אויף דעם האט ניט געפעלט. קיין סך אידישע ארבייטער זיינען אמת צו זיי ניט אריבער. אבער דאס איז פאר זיי ניט וויכטיג. א שיין פון א צווייטען אידישען ארבייטער פאראיין האבען זיי. צו ברענגען שאדען דעם פארהאסטען „בונדישען" פאראיין פון באקליידונגסאינדוסטריע איז דאס גענוג. ס'טרעפט זיך גאנץ אפט, אז אין איין ווארשטאט זיינען באשעפטיגט ארבייטער פון ביידע פאראיינען, וועלכע פיהרען צווישען זיך א קאנקורענץ. דער פאבריקאנט פרעהט זיך און לאכט אין די פויסטען. ער האט אויפגעהערט מיט ביידע זיך צו רעכענען.

דאס זעלבע האבען די קאמוניסטען אויך דורכגעפיהרט אין דער פראווינץ. אומעטום, וואו זיי האבען עס נאר געקאנט, האבען זיי אפגעריסען שטיקער פון באקליידונגס־אינדוסטריע פאראיין און געבויט אידישע אפטיילונגען פון פוילישען פאראיין. ביי דער דאזיגער „רעוואלוציאָנערער" ארבייט האבען זיי באשעפטיגט א גאנצען שטאב אנגעשטעלטע, וועלכע מ'האט צואווארפען איבער די גרעסטע שטערט פון דער פראווינץ. געלד איז געווען לרוב. אין דעם, ווייזט אויס, האט מען קיין מאנגעל נישט געפיהלט.

דער רעזולטאט פון דער „קאמוניסטישער קאמפאניע" איז:

1) די צוברעקלונג פון די פראלעטארישע כחות אין דער באקליידונגס־אינדוסטריע אין פוילען;

2) דאס אפשוואכונג פון די קאמפסעפעהיגקייט פון דער פראפעסיאנעלער ארגאניזאציע פון די אידישע שניידער־ארבייטער;

3) די אונטערנעמער רעכענען זיך שוין מיט איהם נישט אזוי ווי פריהער. דער פאראיינס־אויטאריטעט האט שטארק געליטען;

4) די שניידער ארבייטער האבען צוליב די רייסענישען אין פאראיין אנגעווארען צו איהם זייער אינטערעס.

דאס זיינען די רעזולטאטען פון דער קאמוניסטישער „רעוואלוציאָנערער" ארבייט אין דער באקליידונגס־אינדוסטריע אין פוילען.

זאכען וואס איז גוט צו וויסען

געזעצליכער שוץ פאר ארבייטערינס אין די פראייניגטע שטאטען.

יעדען פריהמארגען, ווען די פאבריק פייפאך גיבען זייערע סיגנאלען, אז עס האט זיך אנגעהויבען דער ארבייטסטאג, פארנעמען ארום צוויי מיליאן פרויען זייערע פלעצער ביי די מאשינען, שפינדלאך אדער ארבייטס־טישען אין די פאבריקען פון די פאראייניגטע שטאטען.

דאס שליסט ניט איין די פרויען וואס ארבייטען אויף פארמס, אדער וואס זיינען סטענאגראפיסטינס, טייפיסטס, קלוירקס, דינסטען אדער פרויען אין פראפעסיעס. דא ווערען נאר גערעכענט פרויען, וואס ארבייטען אין די פאבריקען, וואס פארברענגען דא זייער צייט אין געהען, ארומ־געהן ארום דער מאשין, אינספעקטען, וויקלען, פאקען און אויספיהרען די טויזענט און איין ארבייטען, וואס זיינען א טייל פון דער מאדערנער אינדוסטריע.

איבער א פערטעל מיליאן פרויען ארבייטען אין די קליידער פאבריקען, און איבער 150,000 פרויען זיינען באשעפטיגט אין די קאטאן מילס. די ציגארען און טאבאק פאבריקען, ניטינג מילס, שיך פאבריקען, סילק מילס, שפייז פאבריקען, וואהל און וואוסטער מילס, און די אייזען און שטאל אינדוסטריען באשעפטיגען אויך זעהר גרויסע צאהלען פרויען.

אבער אינדוסטריעלע ארבייט איז נאך ווייט ניט די איינציגע ארבייט, וואס אט די הונדערטער טויזענטער פרויען טוען.

ווער זיינען זיי?

זיי זיינען אין דער מעהרהייט יונגע פרויען. ארום א העלפט פון זיי זיינען אונטער פינף און צוואנציג יאהר אלט, און ארום א דריטעל זיינען צווישען 25 און 45 יאהר אלט. ארום א פערטעל פון דער גאנצער צאהל זיינען פארהייראט, און א גאר באדייטענדע צאהל פון זיי זיינען אלמנות.

דאס מיינט, נאטירליך, אז די מעהר־סטע פון זיי מוזען טראגען אויף זיך א שווערע משא פון הייםיישע פליכטען. די פארהייראטע פרויען און אלמנות האלטען אליין אויף וואוינונגען, און חוץ וואס זיי ארבייטען אין דער פאבריק, מוזען זיי נאך טאן זייער טייל פון דער הייםיישער ארבייט און געבען זייער טייל אויף די הויז־ליכע הוצאות.

דער גרונד מאטיוו הינטער יעדער שוץ געזעצגעבונג פאר פרויען, וואס געפינט זיך אין אונזערע איצטיגע סטאטוען, איז אז די ענערגיע און קראפט פון די פרויען איז א נאציאנאלער „אסעט". ווערכען מיר מוזען באשיצען און אנטוויקלען, אויב מיר ווילען האבען א קרעפטיגע און ענערגישע בירגערשאפט.

בלויז א קליינער פראצענט פון די פרויען־ארבייטער זיינען ארגאניזירט און ווערען באשיצט פון די יוניאנס. די גרעס־טע צאהל אבער, זיינען ניט ארגאניזירט, און דעריבער זיינען זיי הילפלאז, און עס פארשטעהט זיך, אז זיי קאנען ניט דיקטי־רען די באדינגונגען, אונטער וועלכע זיי זאלען ארבייטען, זיי זיינען געצוואונגען אנצונעמען וועלכע ארבייט, ארבייטסלוין, ארבייטס שטונדען און אר־בייטס־באדינגונגען וועלכע מען האט זיי פארגעלעגט.

אזוי איז דאס געוועזען. אזוי איז דאס נאך איצט אויך, פארשטעהט זיך. נאך מיט יאהרען צוריק האט מען דאס שוין איינגעזעהן אין פארשידענע שטאטען, און מען האט זיך אונטערגענומען קודם כל צו רעגולירען די ארבייטס שטונדען פאר פרויען דורכ'ן געזעץ.

אין א גאנצער רייהע שטאטען האט מען איינגאנצען פארבאטען נאכט ארבייט פון פרויען. מען האט איינגעזעהן, אז די פרויען, וואס ארבייטען בייטאג, האבען געוועהנליך ארבייט א גאנצען טאג אויך, ווייל זיי דארפען אכטונג געבען אויף זייערע קינדער און אויף זייער הויז, און עס איז צו געפעהרליך פאר איר סטענדארד פון פאמיליע לעבען און פאר דעם נאציא־נאלען וואוילזיין צו ערלויבען, אז איין גרופע מענשען זאל אויף זיך טראגען אזא שווערע משא.

אין א סך שטאטען איז אויך איינגע־פיהרט געווארען א מעהר אדער ווייניגער פאראזיכטיגע אינספעקציע און רעגולירונג פון די באדינגונגען, אונטער וועלכע די פרויען ארבייטען. איניגע שטאטען האבען ספעציעלע פרויען ביוראס, וועלכע מוזען דורכפיהרען אן אינספעקציע פון די פלעצער, וואו פרויען ארבייטען און זעהן איינפיהרען אזעלכע באדינגונגען וואס זאלען דאס געזונט און די באקוועמליכ־קייט פון די ארבייטערינס באשיצען.

אין א סך שטאטען האט מען אויסגע־פיהרט אן אנדער זאך: מען האט רעגו־לירט אדער איינגאנצען פארבאטען נאכט ארבייט פאר פרויען.

מען האט אויסגעפונען, אז די פרויען, וואס האבען געמאכט אין דער היים הינכטיכע ביומען, פעדערען, גארטערס, באטאנס, א. א. וו., האבען געארבייט אויסערגעוועהנליך לאנגע שטונדען פאר זעהר קליינע שכירות. דערביי האט די גאנצע פאמיליע, אפטמאל אויך די קליי־נע קינדער, זיי געמוזט העלפען, כדי די ארבייט זאל האבען אפגעגעבען ווערען אין צייט. אין די באדינגונגען, אונטער וועל־כע אזא ארבייט איז געטאן געווארען, איז אפטמאל געוועזען אויסאניטאריש, סיי פאר די מענשען, וואס האבען די ארבייט גע־טאן, און סיי פאר די, וואס האבען די ארבייט באנוצט.

א סך יאהרען נאך דעם, ווי מען האט רעגולירט די ארבייטס שטונדען און אר־בייטס באדינגונגען פאר פרויען, האט מען אנגעהויבען קלערען וועגען רעגולירען אויך די שכירות פון פרויען.

ערשט אין 1912 איז אין דעם שטאט מאסאטשוזעטס דורכגעפיהרט געווארען דאס ערשטע געזעץ וועגען מינימום שכירות פאר פרויען. פון דעמאלט אן האבען א סך שטאטען דורכגעפיהרט גע־זעצען צו רעגולירען די שכירות פון פרוי־ען.

איניגע שטאטען האבען איינפאך בא־שטימט א „מינימום סקייל" און פארבא־טען צו צאהלען די פרויען ווייניגער פון יענער סומע פאר א געוויסע ארבייט. אנ־דערע שטאטען האבען באשטימט קאמי־סיעס, וואס זאלען שטודירען דעם גאנצען ענין, געמענדיג ספעציעל אין אכט די לע־בענסקאסטען, און וואס זאלען איינשטע־לען אזעלכע שכירות, וואס זאלען זיין דער מינימום פאר די פארשידענע אינדוסטרי־ען.

לעצטענס האט דער סופרים קאורט אוו דהי יונייטעד סטייטס ערקלערט, אז אזא געזעץ איז ניט קאנסטיטוציאנעל. ניט קוקענדיג אויף אזא אומגינסטיגע אנטשיידונג פון דעם יונייטעד סטייטס סופרים קאורט, ווערט דאס געזעץ וועגען מינימום שכירות נאך אלץ אפגעהיט אין די שטאטען, וואס האבען דאס דורכגע־פיהרט. מען קאן אבער ווייט ניט זיין זיכער, צו אזא אנטשיידונג וועט אמאל ניט פיהרען דערצו, אז אט די פארם פון רעגולירען שכירות זאל אפגעשאפט ווע־רען אינגאנצען.

אט זיינען די וויכטיגסטע געזעצען, וואס באשיצען די פרויען אין דער אינ־דוסטריע, ווי אזעלכע געזעצען זיינען פארערפערט אין די אנדערע רעגיערען, וואס די פארשידענע שטאטען האבען אנ־גענומען:

ערשטענס: די באשרענקונג פון די ארבייטס שטונדען, איינשליסענדיג דעם פארבאט פון נאכט ארבייט.

צווייטענס: דער פארבאט אדער די רעגולירונג פון נאכט ארבייט.

דריטענס: די רעגולירונג פון ארבייטס באדינגונגען אין די פאבריקען.

פערטענס: די רעגולירונג פון די שכירות.

(ס. ל. ס.)

דער אפגרונט

(שלוס פון זייט 7)

דערנאך, ווערכע זי האט געזעהן אמאל זומער אין די בערג. און סעם פלעגט הארציג לאכען אין דערצעהלען איהר פאנטאסטישע זאכען און רושייק האט זיך צוגעהערט און געשוויגען און האט ניט געהאט קיין רוה א מינוט.

א זונטאג פארנאכט איז סעם פלוצ־לונג פארשוואונדען און רושייק האט ניט געוואוסט וואו ער איז. ארומצוהענדיג איבער'ן טאל מער ווי א שעה האט ער זיך געוואוסט געהן צום בארג זעהן די מיידעל וועלכע איז גוט מיט זיין חבר און פון איהם וויל זי ניט וויסען. א ווייליע שפע־טער האט ער אין דער פינסטער גע־שפאנט אין טיפען שניי און איהם איז געווען שווער און אומעטיג אויפ'ן האר־צען. מיט אמאל האט ער דערהערט א שארך און איז געבליבען שטעהן און זיין הארץ האט שטארק געקלאפט. דערנאך האט ער דערהערט דער מיידעל'ס קול. זי איז געזעסען מיט סעמ'ען לעבען אפ־גרונט אונטער'ן אלטען בוים און געקושט איהם און געהאלזט. וואס איז געווען זיכער אזוי. ער האט געהערט ווי זי האט איהם א פאר מאל אנגערופען מיט'ן נא־מען און איהר שטימע האט געציטערט פון ליידענשאפט. רושייק האט צוזאמענ־געדריקט זיינע פויסטען און איהם האט זיך פארוואלט זיי ביידען דערשטיקען. נאר זיינע פיס זיינען ווי פארגליווערט געווארען און ער האט זיך ניט געקענט ריהרען פון ארט און דערנאך איז ער שטיל ארונטער צוריק פון בארג און האט ביז שפעט אין דער נאכט ארומגעבלאנ־קעט אליין איבער די וועגען פון טאל.

אויף מארגען האט פארנאכט צו זיך צושפילט א ווינט מיט א שניי און זיך צוזאמערט מיט טויזענדער קולות. סעם און רושייק האבען געווארטען די ארבייט און זיינען ארײַן אין הויז. די מיידעל האט זיי דערלאנגט עסען און זיי האבען געוואוסט א צוויי שעה די זאווערוכע זאל זיך איינשטילען און דאן ווערען זיי זיך ארפאפאזען אין טאל אהיים. נאר דער ווינט איז אלץ שטארקער געווארען. ביי־דע האבען שוין פון לאנג געוואלט געהן, נאר די מיידעל פלעגט סעמ'ען אפרע־דען און בעטען זיי זאלען נאך זיצען, ביז עס איז ענדליך געווארען שפעט און זיי האבען זיך אויפגעהויבען און געזאגט איהמען א גוטע נאכט.

די מיידעל איז א מינוט געשטאנען אויפ'ן שוועל און געקוקט ווי זיי זיינען פארשוואונדען אין דער פינסטער איינ־געהילטע אין א ווילדען געיאכער און געיוין.

סעם האט איהר עפעס געזאגט, זי האט זיך הילכיג צולאכט און דער ווינט האט אונטערגעכאפט איהר געלעכטער און אוועקגעטראגען אויף זיינע פליגלען. דערנאך האט זי פארמאכט די טיר. רושייק האט גענומען סעמ'ען פאר'ן האנט און איהם געפיהרט ווי ווייזענדיג דעם וועג. די לאנגע שנאה וואס ער האט געטראגען אויף זיין חבר האט איצט גע־שטיקט זיין הארץ און פארטומעלט זיין מח. סעם איז נעגאנגען נאך איהם זייענ־דיג זיכער, אז רושייק ווייס גוט דעם וועג. ארום איז געווען שטארק פינסטער און די זאווערוכע האט געשמיסען אין פנים הויפענס שניי.

מיט אמאל האט סעם זיך דערזעהן ביים אלטען בוים און ער האט א גע־שריי געטאן צו זיין חבר אז זיי זיינען פארקראכען אין א זייט און ווערען מוזען געהן צוריק.

רושייק האט נארנישט געענטפערט און נאך שטארקער צוזאמענגעדריקט זיין האנט. דער ווינט האט געפייפט און געיאמערט און דאס ליכט ביי דער מיי־דעל אין הויז איז פארלאשען געווארען. סעם האט זיך אנגעשפארט אן אלטען בוים און מיט אמאל האט ער דערפיהלט א שטארקען שטויס אין ברוסט, איז אומ־געפאלען און גענומען זיך קייקלען צום אפגרונט און רושייק איז אוועקגעלאפען אין טאל דערצעהלען די פארמער, אז זיי האבען פארלארען דעם וועג און סעם איז אראפגעפאלען פון בארג אין טיפען אפגרונט. ער איז געלאפען און געשריען ווי א משוגענער און דער ווינט האט אויף זיינע פליגלען איהם נאכגעטראגען דער מיידעל'ס געלעכטער.